STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02758

VEBER LIBE

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּערעץ

וועבער-ליבע

האָיִשע מאָראס כאנע

אָ ג י ז

מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס״

מאָסקווע 1947

וועבער־ליבע

(דערציילונג אין בריוו)

ערשטער בריוו

טײַערער קינפּטיקער שוואָגער!

דו פרעגסט, ווי מיר גייט? מינאסטאם, ווי א ראָשע אפ יע־נער וועלט. פאר שוסטער — שרײַבסטו — זײַנען שלעכטע צײַטן געקומען? מיר, וועבער, האָבן שוין לאנג אופגעהערט אפ גוטע צו האָפן. מענטשן זאָגן, אז עס איז א „הינטישע" צײַט. שטעל דיר פאָר, אז אלטע, גוטע וועבער פארדינען פיר—פינף

רובל א וואָך, געוויינלעכע און יונגע, ווי איך, מעגן זיך באנוגענען מיט דרײַ—פיר, און אפ די דרײַ—פיר רובל מוז מען שווער ארבעטן, מוז מען זיצן בא דעם שטול פון זיבן אינדערפרי ביז צען באנאכט, ארבעטן פופצן—זעכצן שאָ אין טאָג; און צו דעם מוז מען שוין גליק האָבן, ווײַל נאָר גליקלעכע וועבער האָבן באַשטענדיקע ארבעט; מאסן גייען ארום מיט פארכאלעשטע פענעמער און ליידיקע הענט!

אזוי, ברודער! אלטע לײַט דערציילן, אז אמאָל פלעגן זײַן פיל יאכסאָנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט ארבעטן; הײַנט ווערט די שווערסטע ארבעט געזוכט, געשפירט, געבעטלט און קוים אויסגעבעטלט! און אז מע האָט זי שוין, ציטערט מען ערשט, מע זאָל זי, גאָט באהיט, נישט פארלירן: צופרי‍ער גאָט און דערנאָך דער ברויטגעבער זאָלן, כאָלילע, נישט אָפּשטיין; זיי זאָלן שיטן מיט ארבעט, מיט ארבעט ביז צום טויט! ביז צום דערשטיקן! וואָרעם טאָמער פארפעלט ארבעט? טאָמער ווערט מען קראנק, און די שיצן פאלן פון די ציטעריקע הענט ארויס?

און וואָס וועט זײַן אפ דער עלטער? אפ דער גרויער, שוואכער עלטער וואָס וועט זײַן?

און אז מע זעט ארום זיך אזויפיל קראנקע, אזויפיל אויסגעמאטערטע, אלטע וועבער, איז קיין ווּנדער נישט, אז מע קאָן אָן קרענק און שוואכע עלטער קיין רעגע נישט פארגעסן; און ווירקלעך — בא פופצן—זעכצן שאָ ארבעט א טאָג, באם ארײַנאָטעמען קליי און פארביקן שטויב פון גארן, באם איבערקומען מיט א ברויט און א הערינג א טאָג און א מאָגערן געקעכטס באנאכט, מוז א קרענק זײַן אן אָפּטער גאסט, קאָן מען אפ קיין געזונטע עלטער נישט רעכענען! דערצו האָבן נאָך א טייל ווײַבער און קינדער. פארשטייסט? נישט אליין טרינקט מען זיך, — מיט א בינטל אפן האלדז!

..אַז עס
קומען זיך
אַלטע ייִ=
כער צײזא=
מען, רעדט מען
פון גוטע צײַטן. נאָר
נישט פון די, וואָס וועלן
אָידער זאָלן קומען אין
דעם גלייבט שוין קיינער
נישט! נאָר פון אמאָ=
ליקע גוטע צײַטן, ווען
דער וועבער האָט געאַרבעט אַף
זיך אַליין, מיט זײַן אייגענעם גאַרן, אַף
זײַן אייגענעם שטול און האָט זיך אַליין
זײַן אַרבעט פאַרקויפט...

דו זאָלסט זען, ווי א באַוויַיכטער און א באַקינדלטער וועבער קומט אהיים פון דער ארבעט, ווי ער ווארפט א קורצן, דער־שראָקענעם בליק אפן אויסגעמוטשעטן וויַיב, אף די קינדערלעך, „הויט אוןביין", וואָס וואקסן אוף ערגער ווי אין א וואלד; דו זאָלסט זען, ווי געשווינד ער שלינגט איַין דאָס קארגע מאָגערע געקעכטס, ווי האסטיק ער ווארפט זיך אין בעט ארייַן!

שלאָפן וויל ער, איַינשלאָפן, וויַיניקסטנס די אויגן פארמאכן, ער זאָל די צאָרעס, דעם יאָמער נישט צוזען!

נאָר וואָס העלפט עס? פון בייזן לעבן ווערן בייזע כאלוימעס... עס כאָלעמט זיך, אז דאָס וויַיב איז קראנק און עס איז איר נישטאָ מיט וואָס צו העלפן... אז איין קינד האָט דעם צווייטן א פינגער אָפּגעריסן באַם געשלעג איבער א ביסן ברויט און אז אינמיטן איז אריַין דער ווירט פון הויז און טופעט מיט די פיס: דירע־געלט, אז ניט, ווארפט ער דאָס גאנצע געזינדל ארויס אינ־מיטן ווינטער אפן שניי.

און אז מע כאפט זיך אוף אינדערפרי, פאלט גאָר אזוי גע־שווינד נישט איַין די אויגן צו עפענען: אזוי גוט און פיַין גיסט זיך דאָס לעבן מיט די כאלוימעס צוזאמען.

אז עס קומען זיך אלטע וועבער צוזאמען, רעדט מען פון גוטע צייַטן; נאָר נישט פון די, וואָס וועלן אָדער זאָלן קומען: אין דעם גלייבט שוין קיינער נישט! נאָר פון אמאָליקע גוטע צייַטן, ווען דער וועבער האָט געארבעט אף זיך אליין, מיט זייַן אייגענעם גארן, אף זייַן אייגענעם שטול און האָט זיך אליין זייַן ארבעט פארקויפט... א וועבער פלעגט פארדינען פופצן — צוואנציק רובל א וואָך, ער איז געווען א באלעבאָס פאר זיך, א מענטש א פריַיער מיט א דייע אפילע אין שטאָט־זאכן. מע זאָגט, אז עס איז אמאָל א וועבער־דאָזאָרצע געווען! הייַנט איז א וועבער א פראָסטער ארבעטער, דער גארן איז נישט זייַן, די

אויסגעארבעטע סכוירע גיט ער אוועק! ער ווייסט נישט, וויפל עס קאָסט דער גארנ אונ וויפל ער באקומט פאר זײַנ ארבעט, נישט זײַנ דײַגע, ער נעמט פארנ „שטערנ"; אונ זיבנ—אכט קאָפּעקעס א „שטערנ" הייסט שוינ א ראיעלער פּרײַז!

יאָ! איכ פארגעס גאָר, אז איכ רעד מיט א שוסטער, וואָס ווייסט נישט, וואָס א „שטערנ" איז; שטעל דיר פאָר, אז דו וווינסט אינ א גרויסער שטאָט, ארבעטסט נישט אפ דײַנע באלע-באטים, דו אליינ קויפסט קיינ לעדער נישט, נעמסט קיינעמ קיינ מאָס נישט אונ טראָגסט קיינעמ די שטיוול נישט! דו קענסט נאָר איינ סויכער, וואָס גיט דיר די סכוירע אויסצוארבעטנ אונ נעמט בא דיר צו די ארבעט, צאָלט דיר פאר אזויפיל פּאָר שטיוול אזויפיל אונ אזויפיל.

אָט דאָס, פארשטייסטו, איז א „שטערנ", ארבעטסט אָגולנע פארנ סויכער. דעמ פארדינסט נעמט דער סויכער צו, אונ דיר גיט ער וואסער אפ קאשע. וואָרעמ אנדערע האָבנ דאָס אויכ נישט. אונ דערווײַל רעדט מענ נאָכ פונ א מאשינ, וואָס וועט ארבעטנ שטיוול אָנ שוסטערישע הענט... גוט? אזוי אשטייגער לעבט זיכ בא אונדז! זיבנ—אכט קאָפּעקעס פאר א שטערנ איז א פּרײַז מעשוגע צו ווערנ. נאָר וואָס מאכט מיריאָמ-לעב? צי האָט זי נאָכ ליב צו שטיקנ נאָזטיכלעכ פאר פרעמדע נעז? צי ארבעט זי נאָכ זינגענדיק? צי הילכט נאָכ די שטוב מיט איר זילבערנעמ קאָל? צי זײַנענ נאָכ אירע אויגנ אזוי פריש, אזוי קינדעריש-ריינ, אזוי הימל-בלוי? זיי רויטלענ זיכ נאָכ נישט? אונ דו וואָס ביסט? צי רעכנסטו נישט, אז בעשאס דער מילכאָמע צווישנ גריכנלאנד מיטנ טערק לוינט זיכ ארײַנצוגאנווענענ קיינ פּאלע-סטינע אפ קיוועראָוועס? אונ עפשער האָסטו הארצ צו גיינ קיינ ארגענטינע אונ מילכאָמע האלטנ מיטנ היישעריק? וואָרעמ דאָ, ברודער, איז ביטער ווי גאל!

און עפּשער האָלטסטו זיך נאָך אינעם אַלטן, גוטן, פרומען „אלשיך"[1] און זעסט טויזנט און איין נאַכט אפן ייִדישן אויפן? שרײַב! איך רעכן, אַז מיריאַם־לעב מעג צושרײַבן... הער, אַז מיריאַם־לעב כאָלעמט זיך מיר אַמאָל מיט רויטע אויגן, גיי איך אין פאַבריק אַרײַן מיט געבאַלטע פויסטן... נאָר דאָס פאַרשטייסטו נישט...

דײַן געטרײַער קינעטיקער שוואָגער...

צווייטער בריוו

אַז דו האָסט מיך עטלעכע מאָל אין איין בריוו געפרעגט, ווי עס גייט מיר, האָב איך דײַן מיין געלעזן צווישן די שורעס, צווישן די ווערטער, און האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן געטרײַער, קינעטיקער שוואָגער פרעגט: האַקלאַל, ווען שטעלט מען אַ כופּע? און אַז איך האָב דיר געשיקט אַ בינטל וועבערישע צאָרעס, האָסטו דיך אַפילע אָנגעהויבן צו שטויסן, אַז דאָס הייסט: דערווײַל נישט!

אַן אײַזערנעם מויעך האָסטו, קינעטיקער שוואָגער מײַנער; אין דײַן אײַזערנעם קוגל־טאָפּ מוז מען אַרײַנשלאָגן מיט אַ האַמער, אַניט, פאַרשטייסטו נישט!

נאָר אַז דו האָסט שוין אַרויסגעלייגט אַלץ, ווי אַ הערינג אפן טעלער, מוז איך דיר שוין געבן אַ קלאָרע, אויסגעטײַטשטע טשוווע.

איך קאָן נישט, איך טאָר נישט כאַסענע האָבן!

דו פרעגסט, צי האָב איך נישט אין דער פרעמד פאַרגעסן, וואָס איך האָב אין דער היים געזאָגט, צי האָט מען מיך נישט

1 די ווערק פונעם ראַבאָנישן געלערנטן און קאָמענטאַטאָר פון דער ביבל מוישע אלשיך (XVI י. ה.).

פאַרטוישט אפּ אנ אנדערנ, אל־קאָל־פּאָנעמ דאָס האַרצ פאַרביטנ? אָדער צי איז עס נישט, ווי מע זאָגט: אויס די אויגנ — אויסנ האַרצ?.. איכ האָפּ, ניינ, איכ גלייב, אז מיריאָמ־לעב האָט דעמ בריוו נישט געזענ, זי וואָלט אזוינע שיילעס נישט געפרעגט, זי ווייסט, אז אונדזערע הערצער זײַנענ צוזאַמענגעבונדנ אפּ אייביק, אפּ לעבנ אונ טויט!

אײַ, ברודער, ברודער! כאַסענע האָבנ וויל איכ, ווי א מענטש וויל גליקלעכ זײַנ. ווי א מענטש וויל באַפרײַט ווערנ פונ בענק־שאַפט, פונ האַרצווייטעק, פונ קאָפּ־ברעכעניש. איכ וויל, נאָר מאַלע וואָס א ווײַבער וויל?

אונדזערע ברויטגעבערס א זונ מיט א טאָכטער האָבנ גע־וואָלט, האָבנ זיי כאַסענע געהאַט, אונ עס איז א פריילעכע כאַ־סענע געוועזנ; מע האָט אפילע אונדז, ווײַבער, נישט פאַרגעסנ; מע האָט אונדז בראָנפנ געשטעלט, אונ אז איכ האָב געזאָגט, אז איכ טרינק נישט, האָט אפּ מיר דער מײַסטער געקוקט פונ א זײַט אונ האָט זיכ אוואַדע א קניפּל אינ נאָזטיכל געמאַכט!..

אונ דער וועג פונ דער היימ אינ שול אַרײַנ איז געוועזנ אויס־געלייגט מיט דיוואַנעס, א קאַפּעלע האָט געשפּילט, האָט מענ אינ הימל געהערט, די לעוואָנע מיט די שטערנ האָבנ געטאַנצט! די העכסטע פאַבריקנ זײַנענ שטומ געוואָרנ, פאַרהילכט, פאַר־שעמט! פונ טאַנצ־זאַלנ האָט זיכ ליכט געגאָסנ, די גאַנצע גאַס האָט זיכ אינ ליכט געבאָדנ! ליכט האָט זיכ געגאָסנ, ווי ווײַנ, אונ ווײַנ, ווי וואַסער! נעכטנ איז געוועזנ די האָכצײַט, הײַנט איז דאָס יונגע פּאָרפאָלק געפאָרנ מאַכנ א לוסט־רײַזע.

זיי האָבנ געוואָלט, האָבנ זיי כאַסענע געהאַט. מיינסט עפּשער, זיי האָבנ זיכ נייטיק געברויכט? עס האָט איינמ אָנ צווייטנ לעבנ נישט געקאָנט? גאָט באַהיט! ער האָט עטלעכע באַקאַנטע מייד־לעכ אינ זײַנ פאַבריק, אונ א טאָג פאַר דער כאַסענע האָט ער זיי

א מאָלצייַט געמאכט, און האָט יעדערער א מאטאָנע געלאָזט, זי זאָל אָן אים נישט פארגעסן, ביז ער וועט צוריק קומען... און עס איז א לוסטיק מאָלצייַט געוועזן, לוסטיקער, ווי די האָכצייַט אליין, מע האָט נאָך בעסערן ווייַן געטרונקען!

צווישן די מיידלעך איז אויך א ווייַבל געוועזן, א וועבערס א ווייַב... איך קען אים — א שיקער איז ער! נאָר גיי וויים, צי שיקערט ער, ווייַל זי פירט זיך אזוי, צי פירט זי זיך אזוי, ווייַל ער שיקערט, צי פירן זיי זיך ביידע אזוי, ווייַל דאָ איז דער אלשיך אויס דער מאָדע ארויס, און שאבעס גייט אוילעם שפאצירן... נאָר לוסטיק איז געוועזן!

די קאלע, ווייַטער, איז אויך קיין צנוע נישט! אמאָל פלעגט זייַן א מיידל, ווי א שפיגל, און ברודיק ווערן פון א הויך. הייַנט זייַנען די מאמזעלן, ווי די זיפן, ווער ווייסט, וואָס עס איז שוין אדורכגערונען!.. איך וויים נאָר, אז א כוידעש פלעגט זי זיך קושן מיטן בוכהאלטער און א כוידעש מיטן פראָקורענט[1]; שפאצירן פלעגט זי גיין און פאָרן מיט ביידע צוזאמען...

און דאָך האָבן זיי געהייראט, און אצינד מאכן זיי א לוסטרייַזע; און איך מיט מיריאָם-לעב קאָנען צוזאמען קיין לעבן נישט פירן, כאָטש מיר דארפן איינס דאָס צווייטע ווי ברויט, ווי וואסער, ווי לופט... כאָטש אונדזערע געדאנקען זייַנען דורכגעפלאָכטן, כאָטש זי איז מיר אינעם פלייש און אין די אָדערן ארייַנגעוואקסן, מוז זי דאָך זיצן בא דיר און בלענדן זיך די אויגן איבער שטיקערייַ, און איך, איך מוז דאָ זיצן איינער אליין און וועבן, און וועבן, בעשאס אין מויעך ברענט און די גאל גיסט זיך אוים אין אלע גלידער! און צוזאמענקומען קאָנען מיר זיך נישט!

---

1 פארטרויטע פערזאָן, פאָרשטייער פון א פירמע.

דו וואָלסט זענ, ווי א באוויַיבטער, באקינדלטער וועבער
זעט אויס. איכ רעד שוינ ניט פונ דער היימ, נאָר אינ פאבריק
זוי ער זעט אויס, ווי ער בייגט זיכ אונ נייגט זיכ פארנ ברויט=
געבער מיט זיַינע „מוענטשנ“, ווי ער קריכט זיי אונטער די פיס,
ווי ער ציטערט פאר זייער הויכ, ווי ער בעטלט קוימ אויס א
גינסטיקנ בליק... בררר! א קעלט גייט מיר דורכ די ביינער, אז
איכ זע עס! ניינ! אפ דעמ וועל איכ קיינמאָל נישט באשטיינ!
זאָל מיכ איַינשלינגענ אייביקע פינצטערניש אָנ א שטראל פונ
גליק, אָנ טרייסט, אָנ האָפענונג; הונגער וועל איכ ליַידנ, ווי א
נאקעטער וואָרעמ אפ נאסער ערד, אונטער א וויינענדיקנ הימל
זאָל איכ ליגנ, אונ דאָס נישט! — אונ וועט נישט בעסער זיַינ,
איז פארפאלנ! זאָל מיכ מיריאָמ=לעב פארגעסנ, אויב זי קאָנ,
פארלייקענענ, אויב זי וויל, אניט, זאָל זי ליַידנ גליַיכ מיט מיר,
כאָטש יעדער באזונדער! אפ דער ערד מוז אמאָל גליק וואקסנ,
די ערד דארפ עפשער אונדזערע טרערנ, אונדזער בלוט דערצו.
מיר וועלנ עס געבנ — זאָל אמאָל אונ פאר אנדערע וואקסנ!

איכ ענדיק נישט דעמ בריוו. פלוצלינג איז ליכטיק געוואָרנ
אינ מיַינ האלב פינצטערנ ווינקל. איכ קוק מיכ אומ — דאָס
פענצטער פלאמט — עס ברענט ערגעצ — עפשער אינ פאבריק?..

דיַינ...

דריטער בריוו

דו פרעגסט, פארוואָס עס איז אזוי שלעכט? פארוואָס עס
ווערט אלעמאָל ערגער? עס איז אנ איינפאכע זאכ: לייג צו דיַינע
לאנגע אויערנ: ווער שטעלט דעמ פריַיז פונ דעמ וועבערס אר=
בעט? דער וועבער מיט זיַינ ברויטגעבער! דער וועבער וויל ווי=
ס'איז מענטשלעכ לעבנ, אונ דעריבער — ווי מענלעכ טיַיערער

פארקויפֿן זײַן ארבעט; זײַן ברויטגעבער, ווידער, וויל וואָס מער פארדינען און דעריבער — וואָס ווייניקער צאָלן פאר דער אר־בעט. איז דאָ א סאך ארבעט און ווייניק וועבער, מוז דער פא־בריקאנט צאָלן, וויפל דער וועבער וויל; איז אָבער דאָ א סאך וועבער און ווייניק ארבעט, איז, פארקערט, מוז דער וועבער נעמען, וויפל דער ברויטגעבער גיט אים; און וועבער ווערט טאָג־טעגלעך מער, די צאָל וואקסט ווי אף הייוון... די כאָכמע ווייסן שוין די קינדער אין דער וויג, נאָר דו ביסט דאָך א שוסטער, און אן אלשיך־שוסטער, קאָן זײַן, דו ווייסט עס נישט.

די קאָנקורענץ צווישן די וועבער וואקסט פון טאָג צו טאָג. זיי קאָנקורירן איינער מיטן צווייטן: יונגע, וואָס קאָנען מער און לענגער ארבעטן, שפארן ארויס די אלטע, וואָס האָבן שוין צו דער קאטאָרגע קיין קרעפטן נישט; קאוואלירן, וואָס קענען זיך באנוגענען מיט א קלייניקע פארדינסט, יאָגן אוועק די באַ־ווײַבטע און באקינדלטע, וואָס דארפן מער; דערנאָך קומען לער־יינגלעך און פארטרײַבן די וועבער! און דער לוין ווערט גע־וואָרפן און פאלט פון טאָג אף טאָג... הײַנט הערט זיך נאָך, אז נײַע יונגע באלע־צדאָקעס וועלן עפענען וועבער־שולן, וואָס וועלן ארויסוואָרפן יאָר־יערלעך נײַע וועבער!

עס איז ווייניק, וואָס איז שלעכט, דאָס שלעכטע מוז נאָך זײַן אזוי איינפאך, אזוי ריכטיק, אזוי גלאט, פעסט און קײַלעכ־דיק, ווי א רינג ארום האלדז!..

און עס וועט קומען א צײַט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנכאפּן איין ברויטגעבער און בעטן זיך: גיב ארבעט, גיב, האלב אומ־זיסט, זאָל זײַן אומזיסט, נאָר פארנומען זאָלן מיר זײַן און פאר־געסן, אז אונדזערע ווײַבער בעטן און די קינדער העלפן צו...

דו גלייבסט נישט? דו מיינסט, אז אלץ האָט א גרענעץ און קאָן ווײַטער נישט גיין? איך גלייב, ארבעט איז אויך א מינ

...אזוי
קוקן
אפ א
ברויט,
אזוינע אויגן
האָב איך שוין געזען!
אַזוינע אויגן האָבן
נאָר וועלף אין
די וועלדער!

שיקרעס, זי פאַרהילכט, פאַרטויבט! זי פאַרשלאָגט דעם קאָפּ מיט די געהירנ, און מע פאַרגעסט אָנ זיכ, אָנ דער וועלט! עס איז אויכ א מינ בראָנפנ!

דערפאַר איז אָבער הײַנט א פרײַע וועלט! קײנער טאָר מיכ נישט נײטנ, איכ זאָל אַרבעטנ; איכ בינ קײנעמס פּאָדאַנע נישט! איכ אַרבעט, ווענ איכ וויל, וואָס איכ וויל — א פרײַער פויגל בינ איכ; נאָר ווער עס וויל, שיסט מיכ, פליקט מיכ אָפּ און לײגט מיכ אינ טאָפּ אַרײַנ. איכ וואָלט געוועזנ א פרײַער מענטש, איכ זאָל קײנ מאָגנ נישט האָבנ, ער זאָל נישט מאָנענ: עסנ און עסנ! איכ זאָל נישט דאַרפנ טרינקענ, וווינענ, איכ זאָל אַרבעטנ אָפּ איבעריקע אָנגענעמע זאַכנ! אָ, דעמלט וואָלט איכ אַנדערש געשאַצט מײַנ אַרבעט! אָבער הײַנט?

איכ וויל נעמענ א סאַכ, דער ברויטגעבער וויל געבנ ווײניק; מיר בײדע זײַנענ פרײַ, און דאָכ, קאָנ ער זיכ אָנ מיר באַגײנ, און איכ אָנ אים נישט.

הײַנט הער איכ אויפ צו אַרבעטנ, מאָרגנ וואַרפט מענ מיכ אָפּ צוויי שפּענער פונ דירע אַרויס; איבערמאָרגנ קריג איכ מאָגנקרעמפּ פאַר הונגער; נאָכ א טאָג, און איכ שטײ שוינ פונדערווײַטנ און קוק מיט ברענענדיקע אויגנ אָפּ דער זיצערנס ברויט און קענ מיכ בעײנ־אויפנ ניט אָוועקרײַסנ פונ אָרט; דאָס ברויט איז א מאַגנעט; מיט נעגל בינ איכ צוגעשלאָגנ צום אָרט...

איכ האָב עס נאָכ אַלײנ נישט געפּרוווט, נאָר אַזוי קוקנ אָפּ א ברויט, אַזוינע אויגנ האָב איכ שוינ געזענ! אַזוינע אויגנ האָבנ נאָר וועלפ אינ די וועלדער!

נו, דערפונ וועל איכ דיר אָנ אַנדערשמאָל דערצײלנ... עס איז שפּעט, — און מיר ברעכט דער קאָפּ ווי א שאַרבנ.

ד ײַ נ . . .

פערטער בריוו

א שיינעם דאנק פאר דײַנ טרייסט; בעסער געזאָגט: פאר דײַנ גוטנ ווילנ מיכ צו טרייסטנ, וואָרעם וואָס ביסטו שולדיק, אז אפילע אינ קאָפ פונ אָרעמסטנ שוסטער שלאָגט זיכ אָפ די וועלט א סאכ בעסער ווי זי איז?

אז איכ וועל איבערזעצנ דײַנ שוסטער-געדאנק אָפ מײַנ וועבער-שפראכ, וועט עס הייסנ, אז גוטע אונ שלעכטע צײַטנ בײַטנ זיכ, ווי זומער אונ ווינטער; אז אויב הײַנט איז דאָ ווייניק ארבעט אונ א סאכ ליידיקע הענט, וועט אמאָל דער זאפאס אויספארקויפט ווערנ אונ עס וועט זײַנ פארקערט: ארבעט אינ די מאסנ אונ ווייניק וועבער! אונ דעמלט וועט זײַנ א גאניידנ אָפ דער וועלט! מענ וועט אונדז זוכנ מיט ליכט אינ די גאסנ, אונ אז מע וועט אונדז, וועבער, געפינענ, וועט מענ זאָגנ: שנײַד אונדז אָפ די קעשענע, נאָר ארבעטנ קום! בעט דיר אויס דאָס טעלערל פונ הימל, נאָר נעם די שיצנ אינ דער האנט ארײַנ! מע וועט צאָלנ פארנ „שטערנ“ מי-יעדייע וויפל, אונ וועבער וועלנ אומגיינ אינ גאָלד...

אונ דעמלט וועל איכ דיר נאָר א פיפס געבנ, וועסטו קומענ מיט מיריאָם-לעב צו לויפנ, פאָרנדיק אָדער רײַטנדיק, אונ מע וועט שטעלנ א כופע צו מאזל, צו בראָכע, צו גליק...

אוי, אלטער, אלטער נאר! א שיינעם זייפנבלאָז האָסטו עס אופגעבלאָזנ! הער א מײַסע, וואָס מע דערציילט! עס האָט זיכ אמאָל א מעכאשעפ אָפ א שטעטל פארליינט אונ געוואָלט עס יאָגנ אונ פלאָגנ. עס איז אָבער א פרום שטעטל געוועזנ, פול מיט הייליקײַט, אונ ער האָט דערופ קיינ גרויסע שליטע נישט געהאט; האָט ער זיכ מעיאשעוו געוועזנ אונ האָט זיכ פאר א פאקנטרעגער פארשטעלט אונ אָנגעהויבנ אלע הייליקײַטנ אויסצו-

קויפן, און ער איז א רייַכער סויכער געווען; מיט גאָלד געצאָלט האָט ער! עס איז געקומען צו א רענדל פאַר א בינטל ציצעס, א רענדל פאַר א טילימל, פאַר א שמירעלע[1], נאָר ברענגט! די סבוירע מיקלוימערשט שיקט ער קיין אמעריקע, עס האָט זיך א נייַער פלאַץ געעפנט אף יִדישקייַט...

און דער אוילעם האָט געגלייבט און אָנגעהויבן טראָגן פון די שטיבער ארויס; פריִער האָבן זיך געלאקעמעט געמיינע לייַט, לאַסט- און וואַסער-טרעגער, דערנאָך באַלמעלאָכעס, דערנאָך באַלעבאַטים, עס איז געקומען די צייַט אף שאַמאָסים, כאַזאָנים, דאַיאָנים און שאָכטים... קיין איינציקער האָט נישט אויסגעהאַלטן... דער ראָוו אפילע נישט, ער האָט אויך אויסגעליידיקט די שטוב; פאַר געלט וועט מען אנדערע סבוירע באַקומען...

און אַז מע האָט אַלץ אויספאַרקויפט, האָט דער מעבאַשעפ שליטע באַקומען און אָנגעהויבן פלאָגן דאָס שטעטל מיט שלאָפּקייַטן און אַלערליי קרענק...

און עס איז זיך נישטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען, קיין מעזוזע באַ דער טיר, קיין שמירעלע אין פענצטער; קיין יִדיש וואָרט אין שטוב!

עס איז נישט געווען פון וואָס אַן אייַנהאָרע אָפּצושפּרעכן, פון וואָס א פּיירעק מישנייַעס צו לערנען, א „יהי רצון“[2] צו זאָגן... און אַז מע האָט געוואָלט נאָך אנדערע ספאָרים שיקן און מע האָט געעפנט די קאַסטנס מיט גאָלד, זייַנען אפן אָרט פון רענדלעך, נישט פאַר אונדז געדאַכט, שאַרבנס געלעגן...

און אַזוי איז מיט אונדז אויך אַמאָל געשען!

געשען איז עס פאַר א פאָר יאָר, נאָך איידער איך בין אַהער

1 אַן אַמולעט. — 2 „יְעִהִי רָצוֹן“ — א טפילע.

געקומענ. פלוצלינג איז א גליקלעכע, א ברילִיאנטענע צײַט אפּ וועבער געקומענ, עס האָט סכוירע פארפעלט!

מע האָט ארבעט געברויכט, ארבעט, וואָס מער ארבעט; וואָס מער וועבער, וואָס מער הענט! דער פאבריקאנט דער קישעפמאכער האָט גאָלד געצאָלט, די ארבעט איז אינ גאָלד געגאנגענ... אונ עס האָט א גייענדיק יאָר געדויערט! נאָר אז דאָס יאָר איז אריבער, איז געבליבנ קרענק מיט שארבנס!

אונדזערע לײַט האָבנ קיינ סייכל נישט געהאט מיט דער גוטער צײַט זיך צו באנוצנ אונ הייבנ דעמ פרײַז; אלע צוזאמענ וואָלטנ עס עפּשער געטאָנ, נאָר צעוואָרפענערהייט האָט יעדערער באזונדער געוואָלט נאָר אויסרײַסנ וואָס מער ארבעט פאר זיך, וואָס מער אײַנצושלינגענ פארדינסט! אונ דער וועבער האָט זיך צוגעכאפּט צו דער ארבעט ווי צו א הייסנ פלאָדנ; אונ עס איז געוואָרנ א כאפּערײַ, א געשלעגערײַ איבער דער ארבעט; מע האָט ארבעט גענומענ מיט גוואלד, מיט געוויינ, מיט געשריי אונ מיט קלאָלעס! דער פאבריקאנט האָט זיך פאר פרייד די הענט געריבנ, מיט די פעטע אויגנ געבליפעט, קוקנדיק, ווי דער אוילעמ האָט געארבעט, צומ טויט געארבעט, נישט פופצנ—זעכצנ, נאָר צוואנציק אונ צוויי אונ צוואנציק שאָ א טאָג האָט מענ געוועבט! קראנקע זײַנענ פונ די בעטנ ארויס, די שוואכסטע האָבנ געווּרעס באוויזנ! מע האָט געארבעט אונ געלט גענומענ, מע האָט אלע קרעפטנ, מע האָט די לעצטע קויכעס פארקויפט! פאר געלט וועט מענ נײַע קויכעס באקומענ! אונ אומגעגעסנ, אומגעשלאָפנ האָט מענ געשווינד געמאכט סכוירעס אונ אויסגעארבעט!

אונ אז מע האָט שוינ אויסגעארבעט דעמ זאפּאס, האָט מענ זיך שוינ אויסגעארבעט די קויכעס, דאָס געזונט מיטנ לעבנ...

אונ אז מע איז קראנק געוואָרנ, איז אויך דאָס געלט פאר־

שווינדלגעוואָרן, און קיין נייע ארבעט איז שוין נישט געוועזן... און מע האָט שוין נישט געהאט מיט וואָס זיך צו ראטעווען פון דער נויט...

אזוי איז געשען, און זאָל מאָרגן נאָכאמאָל קומען די צייט, וועט דאָס זעלבע געשען! קאָלזמאן די וועבער קאָנקורירן איינער מיט דעם צווייטן, קאָן אנדערש נישט זיין; מוז יעדערער כאפן וואָס מער ארבעט, מוז יעדערער וואָס מער שטונדן זיצן בא דעם שטול, און וואָס מער מיר כאפן, און וואָס לענגער מיר ארבעטן, ווייניקער ווערט ארבעט, ווייניקער ברויכט מען וועבער, גרעסער ווערט די קאָנקורענץ, פאלט אלץ נידעריקער דער פרייז! ווייטער א פוסטע זאך — א רינג ארום האלדז!

דערצו קומען נאָך די „לוינקעטניקעס"! נאָר וועגן דעם אין מיינע ווייטערדיקע בריוו.

די ין...

פינפטער בריוו

דו ווייסט נישט, וואָס דער „לוינקעטניק" איז? איך וועל עס דיר קורץ און שארף פארטייטשן; איך האָב פארגעסן, אז איך רעד מיט א שוסטער, נישט מיט א וועבער.

דער „לוינקעטניק", ברודער, איז נישט קיין פאבריקאנט, נישט קיין וועבער, נישט ער ארבעט אליין, נישט ער האָט קיין אייגענע צו פארגעבן; ער איז נאָר א מיטלמענטש — ער נעמט נאָר אָן ארבעט באם פאבריקאנט און גיט עס אוועק ארבעטער; דאָס הייסט: ער שטייט אין דער מיט צווישן פאבריקאנט און וועבער, און ווי עס פליט א קארגער ביסן פון פאבריקאנטס האנט צום וועבערס מויל — כאפט ער עס אין דער לופט, בייסט אָפּ א האלבן כיילעק... טיילמאָל שלינגט ער אים איין אינגאנצן. און ווערט נישט דערשטיקט...

... דער
„לױנקעטניק״,
ברודער, איז
נישט קײן פאב=
ריקאנט, נישט
קײן װעבער, נישט
ער ארבעט אלײן,
נישט ער האָט
קײן אײגענע צו
פארגעבן; ער איז
נאָר א מיטלמענטשע
— ער נעמט אָן אר=
בעט באם פאבריקאנט
און גיט עס אװעק אר=
בעטער; דאָס הײסט:
ער שטײט אין דער
מיט צװישן פאברי=
קאנטן און װעבער.
און װי עס פליט א
קארגער ביסן פון פאבריקאנטס
האנט צום װעבערס מױל — כאפט ער עס אין
דער לופט, בײסט אָפּ א האלבן קײלעך...
טײלמאָל שלינגט ער אים אײן
אינגאנצן, און װערט נישט
דערשטיקט...

אונ דער לוינקעטניק נעמט אָנ ארבעט נישט פאר פארטיקע וועבער, נאָר פאר לערנ-יונגענ, וואָס ארבעטנ אונטער זײַנ אופזענ... זיי לערנענ זיכ בא אימ אונ ארבעטנ אומזיסט; טיילמאָל צאָלנ זיי נאָכ צו; ערשט נאָכ א געוויסער, גענוג לאנגער צײַט, הייבט ער אָנ צאָלנ, נאָר ביסלעכווײַז אונ ביליק. דער לוינקעטניק האָט דעריבער צוויי גוטע מײַלעס: ערשטנס, שיקט ער יאָר-יערלעכ ארויס א נײַע פארטיע וועבער — קאפצאָנימ, וואָס ווארפנ דעמ פרײַז, אבי ארבעט צו באקומענ; אונ צווייטנס, ווארפט ער אליינ דעמ פרײַז, ווײַל ער ארבעט מיט פרעמדע, אומזיסטע, אָדער ווייניקסטנס מיט ביליקע הענט אונ קאָנ באשטיינ גאנצ ביליק צו ארבעטנ. נאטירלעכ, מוז דער וועבער נאָכגיינ, אונ דער פרײַז פאלט וואָס א מאָל נידעריקער.

עפשער שלעכטע מײַלעס? קומט זיי נישט דערפאר די וועלט אונ יענע וועלט?

וועגנ יענער וועלט ווייס איכ, נאטירלעכ, ווייניק וואָס צו זאָגנ; איכ האָב שוינ לאנג פונ דאָרט דורכ גוטע אונ פרומע לײַט קיינ יעדיִע נישט געהאט; נאָר די וועלט האָבנ זיי, נאטירלעכ. לעבט דער פאבריקאנט שענער אונ בעסער, נאָר דעמ לוינקעטניקס ווײַב טראָגט אויכ פערל אפנ האלדז אונ בענטשט שאבעסליכט אינ א פאָר גרויסע זילבערנע לײַכטער.

נאָר מיריאָמ-לעב וועט ווײַטער זאָגנ, אז איכ בינ אלעמאָל געווענ א גוטער אונ הײַנט בינ איכ א שלעכטער געוואָרנ; אז אמאָל פלעג איכ נישט קוקנ יענעמ אינ טאָפ ארײַנ, אונ הײַנט שטעכט מיכ דער האָבער אונ האָב אפ אלצ גרויסע אויגנ...

מיריאָמ-לעב, עס איז אזוי, אונ עס איז נישט אזוי!

עמעס, אז איכ בינ אמאָל בעסער געוועזנ... עס איז געווענ דעמלט, ווענ מײַנ פאָטער, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט געלעבט אונ איכ בינ אינ דער היימ געוועזנ... עמעס, איכ האָב קיינ מוטער

נישט געהאט און דער פאָטער האָט א גאנצנ טאָג מיט שיצנ געוואָרפנ... נאָר צו עסנ און טרינקענ האָב איכ געהאט און אויב ווּ דעמ קאָפּ אנידערצולייגנ... אויב איכ האָב קינדווייַז צופיל צייַט געהאט און צו ווייניק כאוויירימ און האָב גענוג צייַט געהאט, זיצנדיק אליינ, זיכ ארומצוקוקנ און אלצ באטראכטנ, האָט עס מיר דאָכ ווייניק געשאט... דער געדאנק האָט זיכ פריִער אופגעוועקט, נאָר גאָר אינגאנצנ אויספּלאָנטערנ פונ קרענצל איז נישט פאר מייַנע קויכעס! איכ האָב א סאכ געקלערט און ווייניק-וואָס פארשטאנענ... שפּעטער האָב איכ מיכ, שפּילנדיק, באמ טאטנ וועבערייַ געלערנט, און די מעלאָכע איז מיר געפעלנ... זי האָט מיר אויסגעוויזנ ווי א קונצ, א פייַנ מייַסטערשטיק; אנדערש איז מיר נישט אייַנגעפאלנ.

א טאטנ האָב איכ געהאט, ווי איר ווייסט, א בלאסנ, א דארנ, מיט טריבע ארומגעליאמעוועטע אויגנ און שארפבייניקע באקנ. נו, וואָס איז? גאָט באָרוכ-הו האָט די וועלט באשאפנ און אפ איר פארשיידענע מענטשנ געמאכט, טייל פעטע, טייל מאָגערע, טייל לאנגע, טייל קורצע, און יעדנ אנ אנדער פּאָנעמ און אנדערע אויגנ געגעבנ... אבי איכ האָב ליב דעמ טאטנ, און דער טאטע האָט מיכ ליב! און איכ האָב צו גאָט קיינ טייַנע נישט געהאט. וואָרעמ צייַט איכ האָב דעמ טאטנ געדענקט, האָט ער אזוי אויסגעזענ, און עס איז מיר גאָרנישט אייַנגעפאלנ, אז ער איז אמאָל א געזונטער, פרישער יונגערמאנ געוועזנ, מיט ליכטיקע, ברענענדיקע אויגנ, וואָס זייַנענ מייַנ מאמענ מיידל-ווייַז אזוי געפעלנ געוועזנ. געוווּסט האָב איכ, אז איכ האָב א מוטער געהאט, און עס האָט מיר ווי געכאָלעמט, אז אינ שטוב פלעגט זיכ אמאָל ארומדרייענ אנ אלבאסטער-ווייַס ווייַבל, מיט שווארצע ברעמענ און בלויע טיפע, נאָר ברענענדיקע אויגנ. נאָר געזאָגט האָט מענ מיר, אז גאָט באָרוכ-הו האָט זי צו זיכ

גענומען, זי איז אים מינאסטאמ געפעלנ געוואָרנ... ווער האָט מיר געזאָגט, אז זי איז אוועקגעגאנגענ פונ דער וועלט, ווײַל זי האָט געברויכט ווײַנ אונ פלייש צום געזונט אונ די ביידע זאכנ זײַנענ נישט פאר אָרעמעלײַט? מע האָט עס מיר פארשוויגנ, פונקט ווי מע האָט פאר מיר געהאלטנ בעסאָד, אז די וועבערײַ זויגט אוים דעמ מארכ פונ די ביינער אונ האָט מיר דעמ פאָטער בלאס, דאר אונ בלינד געמאכט...

מײַנ פאָטער האָט נאָכ אפּ אסטמא געליטנ... צי האָב איכ געוווּסט, אז דאָס קומט פונ שטויב פונ גארנ? דער אייגענער גאָט, וואָס האָט מיר א דארנ פאָטער געגעבנ, האָט אים טריבע אויגנ געמאכט אונ נאָכ אסטמא געשיקט, — פארוואָס? א פראַגע עס איז! איכ האָב א מעלאמעד געהאט, טוירע געלערנט אונ געוווּסט, אז אפילע מאלאָכים זינדיקנ, ביפראט א באָסאָר-וועדאָמ, ביפראט א וועבער... אונ גאָט שטראָפט, מע זאָל אָפּקומענ אפּ דער וועלט!

אז איכ פלעג מיכ אופכאפּנ באנאכט אונ זענ, ווי דער פאָטער דרעמלט קימאט זיצנדיק אפּנ קישנ אונ האָט א שרעקלעכ שווערנ אָטעמ, פלעג איכ מיכ באגיסנ מיט פרומע קינדיש-הייסע טרערנ אונ בעטנ גאָט, אז אויב מײַנ פאָטער האָט קעגנ אימ געזינדיקט, זאָל ער בעסער מיכ שטראָפנ! אונ אז איכ האָב נישט געפּויעלט, האָט עס מיכ וויניק געוווּנדערט, וואָרעמ וואָס פאר א זכוס האָט אזא וועבער-קינד געקאָנט האָבנ בא אזא גרויסנ שרעקלעכנ גאָט, ער זאָל הערנ מײַנ געבעט?!

נאָר אָפט פלעג איכ מיכ אופכאפּנ, אונ דער פאָטער איז נאָכ געזעסנ בא דעמ שטול... טיילמאָל האָט שוינ דער מאָרגנ געגרויט אונ מיט דינע שטראלנ זיכ ארײַנגעגאנוועט דורכנ לאָכ פונ לאָדנ. „טאטע", פלעג איכ זיכ בעטנ, „לייג שוינ אוועק די ארבעט, קומ שוינ שלאָפנ", — קוימ וואָס ער דערהערט אונ ענט-

פערט מיר: „באלד, באלד, קינד מײַנס!“ און רירט זיך נישט פון אָרט, „איך װעל נאָך ענדיקן — זאָגט ער — דעם „שטערן“. און איך בין אײַנגעשלאָפן מיט דעם געדאנק, אז דער טאטע איז אמאָל אן אײַנגעשפּארטער און װיל דאפקע ארבעטן, כאָטש עס טוען אים די אויגן װײ! װינטער-צײַט פלעגט מיר טײלמאָל קאלט זײַן אלײן אין בעט און עס פלעגט מיר ביטער װערן אפן הארצן, טראכטנדיק, אז דער פאָטער האָט ליבער זײַן „שטערן“ װי מיך, כאָטש דער „שטערן“ װאָלט איבער נאכט ניט געפרױרן געװאָרן, און איך ציטער פון קעלט!

אלץ האָט מיר מײַן מעלאמעד געזאָגט און פארטײַטשט, נאָר נישט דאָס, אז מײַן טאטע האָט זײַן „שטערן“ פײַנט סינאס-מאָװעס, אז נישט ער װיל דעם „שטערן“ ענדיקן, נאָר איך זאָל מאָרגן צו פרישטיק א בײגל האָבן; אז נישט ער װיל דאפקע ארבעטן באנאכט, כאָטש ער האָט שװאכע אויגן, נאָר װײַל ער מוז ארבעטן באנאכט! פּונקט אזוי װי עס האָט מיר קײנמאָל קײנער ניט געזאָגט, אז פון גארן-שטויב קריגט מען אסטמא...

הײַנט װײס איך עס, און דעריבער קאָן איך אזוי גוט נישט זײַן! הײַנט װײס איך, אז די שלעכטע אומבארעמהערציקע װעלט האָט צו מײַן פאָטער געזאָגט: דו ארבעט א סאך, א סאך, צאָלן װעט מען דיר װײניק, און פארנאָסע בעט בא גאָט! דו ארבעט א סאך, מאך א מאסע „שטערן“ אי באנאכט, אי באטאָג, און בא גאָט בעט א רעפוע אפ די אויגן! אכצן שאָ אין טאָג זיץ אין שטוב איבער דעם שטול געבויגן, שלינג אײַן פארביקן, פאר-סאמטן שטויב, און װעסטו אסטמא באקומען, האָסטו א רײנע פרעטענזיע צו גאָט! װאָס שאט עס דיר, אז מיר װעלן דערװײַל דײַן ארבעט טראָגן און פון א טײל פון איר רײַך װערן? און אצינד רעדט זי אזוי צו מיר!

דער פאָטער מײַנער האָט געגלײבט און שטיל און פרום גע-

ליטנ; אונ עפשער האָט ער שטילערהייט געוווּסט אונ נאָכ טויזנט מאָל געליטנ מער פאר מיר? ווער ווייסט? מיט קינדער רעדט מענ נישט פונ אזעלכע זאכנ!

צי האָט מײַנ מעלאמעד געוווּסט, וועמענ ער האָט געדינט? צי איז אימ גאָר אײַנגעפאלנ, אז ער בינדט מײַנ נעשאָמע מיט פרומענ, נאָר פעסטנ שפּינוועבס אונ ווארפט זי ארוימ פאר די הינט? פונוואנענ האָט ער געזאָלט וויסנ? ער אליינ איז אויכ א וועבער געווענ, ער אליינ האָט אויכ באלעבאטימ געדינט; מײַנ פאָטער איז געשטאָרבנ אפּ אסטמא, אונ ער — אפּ א לונגענ־פּעלער!

נו, איז א ווּנדער, אז, גענארט פונ אלע זײַטנ, האָב איכ גע־לעבט א גוטנ טאָג אונ בינ א גוטער געווענ?

ווער שמועסט שפּעטער, אז איכ האָב א געוויס פריילעכ מיידל דערקענט אונ פלעג מיט איר יעדנ אָוונט זיכ טרעפנ אינ הויז אונטערנ טויער? עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַ ווּנדערלעכ לעבנ, זיסע לעוואָנע־נעכט אונ נאָכ זיסערע כאלוימעס... גאָט מײַנ אײנציקער! ווי גליקלעכ בינ איכ געווענ! אונ ווי גליקלעכ האָב איכ מיכ געפילט באמ ראָשכוידעש בענטשנ, ווענ דער כאזנ האָט געזונגענ „עם כל ישראל אחיהם“[1] — אלע ייִדנ זײַ־נענ ברידער! א קאטאָוועס, א מענטש האָט א זיבנ—אכט מיליאָנ ברידער אונ שוועסטער, אונ מיריאָמל איז איינע פונ זיי! איכ האָב מיכ געפילט אזוי גרויס, אזוי שטארק, אזוי שטאָלצ! ערשט שפּעטער בינ איכ געוואָר געוואָרנ, אז דאָס מאזל קאָנ מיכ אויסרײַסנ פונ דער היימ אונ מיכ פארווארפנ ווי א פוילנ עפּל ערגעצ ארײַנ אינ דער פרעמד, ווּ דאָס הארצ וועט פארגיינ פאר בענקשאפט, אונ זי וועט בלײַבנ דאָרט אונ שטריקנ אונ וויינענ

---

[1] אימ קאָל יִסראָעל אכייהעמ.

באזונדער; ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מאָריץ פיינבאַך, מײַן ברויטגעבער, איז מיר גאָר קיין ברודער נישט, אַז ער האָט מער ראַכמאָנעס אַף זײַן פערד, ווי אַף מיר! נאָר דעמאָלט האָב איך נאָך דאָס אויך נישט געוווּסט, און בין אַזוי פרײַ, מיט אַ שמייכל אַפן יונגן פּאָנעם, מיט פאַרכאָלעמטע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט, אַנטקעגן געגאַנגען דער וועלט...

הײַנט ווייס איך עס, הײַנט ווייס איך צופיל... נאָר צי בין איך עמעצן מעקאַנע? צי וויל איך דען דעמ לווינקעטניקס זילבערנע לײַכטער? אָדער מײַן ברויטגעבערס בײַטל מיט געלט? ניין! כ'וויל עס נישט, מיר כאָלעמט זיך אַ ריינע אופגעראַמטע שטוב; בעטן הילצערנע, זאָל זײַן צו איינציקע קישן, נאָר ווײַסע, שניי־ווײַסע ציכן! אַ ברויט אין ווײַסן הילצערנעם אלמער; אַ האַלב פונט פלייש צו מיטיק אַף אַ פּערזאָן, און וועט גאָט אַ קינד געבן, זאָל דערפאַר אין דער מוטערס בריסט זײַן מילך, נישט גאַל, נישט סאַם! אָנטאָן וויל איך מיך אָרעם, נאָר ריין, זאָל זײַן געלאַטעט, נאָר נישט צעריסן! און וואָס נאָך וויל איך? אַז מײַן ווײַב און מײַן קינדס מוטער זאָל זײַן די, וואָס איך ווייס, צו וועלכער ס'ציט מיך מיטן גאַנצן לעבן, מיט דער גאַנצער נעשאָמע! אָט אַזוי ווייניק וויל איך, נאָר דאָס ווייניקע קאָן איך נישט געשענען, ווײַל איך מוז אַנדערע שפּײַזן און אַליין הונגעריק זײַן! איך בין קיינעם נישט מעקאַנע, דאָך פאַרדריסט מיך, פאַרוואָס בין איך נאָר אַ רינע, וואָס לאָזט דורך דאָס וואַסער און אַליין טרינקט זי נישט.

דײַן...

זעקסטער בריוו

דו שרײַבסט, אַז איך זינדיק, אַז איך פאַרלאַנג צופיל, כאָטש עס האָט מיר קיינער דערויף קיין קאָנטראַקט נית געגעבן. מיריאָם־לעב זאָגט, אַז מע קען לעבן מיט גאָרנישט, אָדער

קימאט מיט גאָרנישט. אז אויב מע האָט זיך ליב, עסט מען „וואָס-עס-איז" אָדער „באדיי-וואָס"... איך אליין האָב אויך אמאָל אזוי געמיינט; איך האָב מיך אָבער צוגעקוקט צום לעבן פון מיינע כאווירים; איך האָב עפּעס אנדערש געזען! איך האָב שרעקלעכע זאכן געזען!

אז איך האָב די ערשטע צוויי רובל א וואָך באקומען, האָב איך א געשריי געטאָן און דעמלט אונטערגעשפּרונגען פאר פרייד! מיין ערשטער געדאנק איז געוועזן אייך א דעפּעשע צו געבן, גרייט זאָלט איר זיין! טעלעגראפירט דאָך האָב איך נישט, עס איז מיר פּלוצלינג א שאָד געוועזן דאָס געלט! נישט מיינס, נאָר מיריאָם-לעבס געלט איז מיר א שאָד געוועזן! עס איז שוין איר געלט געוועזן! איך וועל בעסער שרייבן, און איך האָב באַנאכט געשריבן, נאָר צומאָרגנס דעם בריוו נישט אוועקגעשיקט.

אין אָוונט בין איך צו מיינעם א באקאנטן וועבער געגאנגען; איך האָב געוווּסט, אז ער איז ערשט דריי יאָר נאָך דער כאסענע, און איך האָב געוווּסט, אז עס איז א ליבע געוועזן, און מיר האָט זיך געגלוסט, עס האָט מיך געצויגן צו זען כאָטש איין אָוונט, כאָטש איין סצענע פון א גליקלעכע, היימיש לעבן, אף וועלכן איך האָב אזוי געהאָפט! דערווייל דורך א שפּארע אריינקוקן און זען, ווי עס פירט זיך אין גאניידן. און איך האָב געזען!..

איך האָב געזען צוויי קראנקע קינדער; איינס האָט דיפטעריט באקומען, און דאָס צווייטע האָט זיך זאראזשעט... זי איז געזעסן באם טיש געבויגן איבער א ניי-מאשין, און ער, דער פארליבטער מאן, איז ארומגעגאנגען אוף און אָפּ, בייז און ווארפנדיק מיט די הענט! אז ער איז נעענטער צו מיר צוגעגאנגען, האָב איך בא אים געזען טרערן אין די אויגן; נאָר די טרערן זיינען מיר עפּעס נישט געפעלן, און פון מויל האָב איך א רייעך

פון בראָנפן דערפילט... איך האָב מיך געשווינד צוריקגעצויגן, נאָר געשלאָפן יענע נאכט בין איך שוין נישט...

איך בין געלעגן מיט א פערענע אויבן און האָב באשיימפער־לעך און אָן אופהער געזען דאָס בילד, ווי זי זיצט איבערגעבויגן אפ דער מאשין; איך האָב איר פּאָנעם נישט געזען, נאָר זיכער געפילט, אז עס איז דערשראָקן, פארציטערט און בלאס, און פון די אויגן פאלן גרויסע, גרויסע טרערן ווי די ארבעס... און די פלייצע פלאטערט און ציטערט... און עס האָט זיך אלץ געדאכט, אז אָט גייט ער צו און דערלאנגט איר מיט דער פויסט אין פליי־צע אריין... אויב נישט היינט, וועט ער עס מאָרגן טאָן... ער וועט שוין קיין איינציק מאָל ניט אהיים קומען ניכטער...

איך האָב געזען דערנאָך נאָך אנדערע זאכן. מע טייט מיט פינגער אפ עלטערן, וואָס האנדלען מיט פלייש — פון אייגענע טעכטער... איך האָב געזען קינדער, וואָס ווארפן ארויס די על־טערן, ווען זיי הערן אוף שוין פארדינען...

אָ, איר קאָנט עס גאָרנישט פארשטיין! נישט נאָר לייוונט און וואָלן־צייג וועבן מיר, מיר וועבן אויס גאָר פונקט נייע מינ־האָגים, נייע מידעס פון דער נאָדל! איך וועבן מיר אויס טאכ־ריכים פאר דער אלטער, גוטער און פרומער וועלט, און מע וועט זי אין זיי באגראָבן... און עס וועט אופשטיין א נייע, פוילע, דורך און דורך פארפוילטע וועלט, און ווער עס וועט נאָך האָבן א ריינערע נעשאָמע, וועט פון איר אנטלויפן, וווּ עס וואקסט אפילע קיין פעפער נישט!..

ד יי נ . . .

אכטער בריוו*

מאזלטאָוו! ענדלעך האָסטו דיך געריידט פון אָרט! הונגער און נויט האָבן אַף דיר נישט געווירקט, נאָר די וועלט, האָסטו מוירע, זאָל נישט אונטערגיין, די ריינקייט און פרומקייט זאָל נישט פארלוירן ווערן!

און אַף א האַמצאָע ביסטו געפאלן: קוידעמקאָל, שרייבסטו, דארף מען די לוינקעטניקעס אונטערברענגען!

דו האָסט אפילע קיין אמעריקע נישט אנטדעקט, אפילע קיין פולווער נישט געפונען, ווייל דאָס האָט מען שוין פאר דיר געטאָן. דיין לידל זינגען שוין די פייגל אַף די דעכער! נאָר א נאַגראַדע ביסטו ווערט, און איך וועל דיר דערפאר דערציילן די מייסע פון די פאָר אויגן, וואָס האָבן אזוי פייערדיק אַף א פרעמד ברויט געקוקט!..

אמאָל, און דאפקע ערשט נישט לאנג, איז געוועזן א וועבער, גראָד א גוטער וועבער, נאָר, ווי מע פלעגט זאָגן, נישט מער קיין קלוגער, אָדער דער קאָפּ זיינער איז נישט אַף זיין אָרט געשטאַנען, אָדער עס האָט דאָרט אינווייניק עפּעס געפעלט. נאָר דערפאר האָט ער געהאט א ברייט אויסגעוואקסן הארץ, ווי אויסער זיין אייגענעם פּאָרטרעט איז נאָך געהאנגען דאָס בילד פון אלע וועבערישע צאָרעס, און ווייל עס איז זייער גרויס געוועזן, האָט ער קימאט זיין אייגענעם פּאָרטרעט פארשטעלט, און דעריבער האָט ער אָפּט זיך אליין נישט געזען! ער אליין האָט גענוג פארדינט, — די צייטן זיינען נאָך עטוואָס בעסער געוועזן, ער האָט זאָגאר א געליבט מיידל געהאט און נאָרוואָס געוואָלט כאסענע האָבן, נאָר א געדאנק האָט זיך אים אריינגעשלאָגן אין מויעך

---

* דער זיבעטער בריוו איז ערגעץ פארלוירן געגאנגען.

אונ דער געדאנק האָט אימ צורעכט געמאכט. ער האָט זיכ איינגערעדט, אז אויב יעדער איינציקער וועבער איז, באזונדער גענומענ, א שוואכ, ווייכ ריטל, וואָס דער ערגסטער לוינקעטניק דרייט זיכ ארומ, אויב ער וויל, ארומ פינגער, וואָלטנ אלע צוזאמענ געקאָנט זייַנ א שרעקלעכ שטארקער בעזעמ אויסצוקערנ אונ ארויסצוּוואַרפנ מיטנ מיסט נאָכ עפּעס בעסערס, ווי א לוינקעטניק איז. נאָר מיט וואָס בינדט מענ דעמ בעזעמ?

אונ א שלעכטע נאטור האָט ער געהאט: שטענדיק אָפנ צו האלטנ דאָס מויל, אונ וואָס פאר א גרינער פויגל עס איז אימ געבוירנ געוואָרנ אינ דער קליינער נעסט פונ קאָפּ, פלעגט ער באלד ארויספליִענ פראנק-אונ-פרייַ אפ דער פרישער וועלט... עלטערע מענטשנ האָבנ אימ געוואָרנט, ער זאָל ניט זייַנ קאָהאָלס פארזאָרגער, ווייַל קאָהאָל צאָלט מיט שטיינער פאר ברויט; דאָס געליבטע מיידל האָט אימ געהאלדזט, געקושט אונ געוויינט, ער זאָל זיכ ניט מיִעס מאכנ דאָס מויל מיט א בעזעמ, נאָר ער האָט זיכ געהאלטנ בא זייַנעמ, אז מע דארפ בינדנ א בעזעמ!

אונ גערעדט דערפונ האָט ער ווארעמ, מיט הארצ, מיט בלוט, די וועבער האָבנ ווייניק פארשטאנענ, נאָר גוט געפילט, אונ פלעגנ מאכנ ארומ אימ רעדלעכ, אונ אז ער האָט גערעדט, האָבנ טייל געזיפצט אונ טייל געשאָלטנ. נאָר פונ דעמ איז ער ניט צופרידנ געווענ. ער פלעגט זאָגנ, אז פאר טויזנט זיפצנ וועט דער בעקער קיינ איינציק ברויט נישט געבנ אונ פונ א מיליאָנ קלאָלעס וועט זיכ באמ לוינקעטניק אינ מויל קיינ איינציקער צאָנ נישט קריצנ... נאָר וואָס דענ ווילסטו, לעבנ מייַנס? א בעזעמ וויל ער מאכנ, נאָר א בעזעמ...

אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ צו בינדנ א בעזעמ! דער אוילעמ האָט זיכ צוזאמענגענומענ אונ געשווירנ מער בא קיינ לוינקעטניק קיינ ארבעט נישט אָנצונעמענ! די, וואָס ארבעטנ שוינ,

זאָלן אוועקגיין!.. און באַלד איז געפאַלן געלט, מע זאָל אופּהאַלטן די, וואָס גייען אַוועק, ביז זיי וועלן דירעקט פון פאַבריק קיין אַרבעט נישט באַקומען! איז עס געוואָרן אַ ראַש אין די גרויסע וועלטן; דערשראָקן און פאַרציטערט זײַנען אַרומגעלאָפן לווינ־קעטניקעס, שטיל און ווי ווײַט מעגלעך איידל האָבן אפילו פאַ־בריקאַנטן גערעדט! און די וועבער האָבן זיך געפרייט. האַ! עס שטעקט דאָך אַ קראַפט אין אָרעמעלײַט, מע דאַרף זיי נאָר וועקן, וועלן זיי וועלטן איבערקערן! אַ גערודל, אַ פרייד!..

עס איז אַ פײַנער, פאַרביקער זייפנבלאָז געוועזן, נאָר ער האָט צו געשווינד געפּלאַצט! ערשטנס, זײַנען געווען עטלעכע שלעכטע וועבער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַרבעט נישט געהאַט, האָבן זיי זיך באַלד אַרײַנגעשלײַכט צו די לווינקעטניקעס און אָנ־געהויבן צו אַרבעטן!.. אַנדערע האָבן זיך דערשראָקן און גע־שווינד צוריק זייערע ערטער פאַרכאַפּט; די רעשט האָט עס דער־זען און אַליין געמוזט זיך מאַטיר־ניידער זײַן[1] און נאָך איבער־בעטן דעם לווינקעטניק: „זײַ אונדז מוחל, עס איז גאָר נישט אונדזער הויט, כאָטש זי ליגט אַף אונדזער לײַב. שינד, וויפל דו ווילסט!" און דאָס לעבעדיקע וואַסער איז צוריק אין דער קאָרעטע אַרײַן, צוריק דאָס אַלטע לעבן!

נאָר אַ נײַס איז געשען: דעם מענטש מיטן האַרץ האָט מען פון פאַבריק אַרויסגעוואָרפן, און ער האָט שוין אין ערגעץ קיין אַרבעט נישט באַקומען. די געליבטע קאַלע האָט נאַטירלעך צע־ריסן די תּנאָים... די וועבער האָבן געשוויגן; מע וועט דאָך פאַר איין מענטש וועגן נישט אוועקוואַרפן די פּאַרנאָסע!

געשען איז עס, נאָך איידער איך בין געקומען, נאָר איך האָב

---

1 באַפרײַען פון אַ ניידער.

נאָך די זכוּיע געהאט צו זען, ווי דער מענטש מיטן ברייטן הארץ האָט געקוקט אפ א לעבל ברויט בא דער זיצערן אפן טיש.

ד ײַ נ . . .

נײַנטער בריוו

איך האָב נאָך נישט געוווּסט, אז מײַנ מיריאַם-לעב האָט אזא דייע בא גאָט! — קוים האָט זי אינ לעצטנ בריוו געוווּנטשנ מיך כאָטש נאָכאמאָל צו זען, פאָר איך שוינ אהיים!

עס פעלט נאָך אפילע אפ הויצאָעס, נאָר איך האָב נאָך עטלעכע איבעריקע זאכנ צו פארקויפנ... דאָס בעט מיטנ קישנ אונ קאָלדרע, מיטנ שעניק אפילע האָב איך שוינ פארהאנדלט; איך האָב אָבער נאָך אנ איבעריקנ ראָק אונ צוויי—דרײַ איבעריקע העמדער...

אפ הויצאָעס וועט גענוג זײַנ, אניט, וועל איך צושפּרײַזנ צופוס.

אונ פאָרנ אהיים פאָר איך דורך גאָר א פּאָשעטע זאך: איך האָב א נארישנ פעלער געמאכט אונ מוז אהיים פאָרנ.

די מײַסע איז אזוי געווענ: צײַט איך האָב די וועלפּישע אויגנ געזענ, האָב איך מיר געטראכט: בעסער א לויט סייכל, איידער א פונט הארצ! בעסער באנאכט אָפנ צו לאָזנ די טיר, איידער באטאָג דאָס מויל. צײַנ נוצנ צום עסנ, נאָר נאָך מער די צונג אײַנצובײַסנ, אויב זי וויל זיך אנ איבעריק מאָל איבערדרייענ. דער מענטש איז טאקע געקרוינט אונ געהויבנ איבער אלע כײַעס מיט די רייד, נאָר „גוט-מאָרגנ — גוט-יאָר" איז גענוג גערעדט אונ וואָס איבעריק — שאט! אונ נאָך אזוינע גוטע אונ קלוגע זאכנ האָב איך מיר געטראכט אונ אײַנגעקארבט,

אַבי איכ זאָל קיינמאָל אזוי ווי יענער מיטנ ברייטנ הארצ אונ אָפּענעמ מויל, אפּ א זיצערנס ברויט נישט ברויכנ צו קוקנ...

פונ אזא קוקנ — האָב איכ געטראכט — קומט קיינ גוטס נישט ארויס, אפּנ בעסטנ פאל קומט מענ דערצו, אז מע כאפּט א ברויטל.

אונ וואָס וואָלט מײַנ פרומער מעלאמעד געזאָגט? ער וואָלט זיכ באלד געשטעלט פארנ בעסדנ־שעל־מײַלע אונ איידעס געזאָגט, אז ער אליינ האָט מיכ געלערנט: „לא תגנוב[1]! ריר נישט קיינ פרעמדס!“

וואָרעמ, ווי דו ווייסט, איז מײַנ פרומער מעלאמעד א קורצזיכטיקער געוועזנ אונ קוימ וואָס ווײַטער פאר זײַנ אייגענע נאָז נישט געזענ... אז דאָס ווײַב פלעגט אימ אנידערלייגנ א ברויטל אפנ טיש, האָט ער געזענ ברויט, מער נישט ווי ברויט. ווער ברויט, וואָס ברויט? ווי קומט עס צו אימ? פונוואנענ נעמט זיכ ברויט? ווער האָט געזייט, ווער געשניטנ, ווער געמאָלנ, ווער געבאקנ? וועמענס שווייס שטעקט דערינענ, וועמענס בלוט? דאָס האָט ער קיינמאָל נישט געזענ... פונ הימל אראָפּ, צי פונ אונטער דער ערד ארויס, וואָלט ער געשריענ: גאנעוו! אונ אפּ מיר וואָלט דאָס היטל געברענט!

נאָר וואָס קומט ארויס, אז דער מענטש דענקט אונ די צאָרעס (אייגענע צי פרעמדע) לענקענ! אז ווי ענג עס איז נישט בא אײַנעמ אינ הארצנ, פאלט דאָכ אמאָל ארײַנ א נארישקײַט; איידער דו קוקסט זיכ אומ, האָסטו עס אָפּגעטאָנ אונ פארפאלנ, — כאָטש קנײַפּ דיר אויס די באקנ. מײַנ געוועזענער ברויטגעבער זאָגט, אז ער האָט זיכ אפּ מיר נישט געריכט; איכ אליינ וואָלט

1 „לוי סיגנויוו“ — זאָלסט ניט גאנווענענ; איינס פונ די צענ געבאָטנ.

עס אויכ נישט געגלייבט! און דאָכ מוז עס עמעס זײַנ, וועהאָרײַע: איכ פאָר אהיימ!

נאָר צו דער זאכ! עס איז דאָ אמאָל געוועזנ א גרויסע וועבערשע כעוורע מיטנ נאָמענ „פועלי-צדק"[1]. אָט א יִידישע כעוורע, אפ וועלכע אלע האָבנ דורכ די פינגער געקוקט, ווײַל מע האָט דאָרט נישט מער ווי געדאוונט און שאבעס אלשיכ געלערנט... צי האָבנ שוינ די אלטע וועבער געפילט, אז זיי מוזנ דאוונענ באזונדער, בעטנ אפ עפעס אנדערש איידער זייערע ברויטגעבער? ווער ווייסט? נאָר מיט דער צײַט איז דער דאוונענ קימאט פונ דער מאָדע ארויס, און אפנ אָרט פונ אלשיכ הערנ שפאצירט דער אוילעמ הינטער דער שטאָט און באמיט זיכ אויסצואָטעמענ דעמ שטויב פונ גארנ, וואָס מע האָט אָנגענומענ א גאנצע וואָכ... מיט דער צײַט האָבנ אויסער עטלעכע, גאנצ אלטע וועבער, מיט די אלטע טאלייסימ און זילבערנע אטאָרעס[2] — א זייכער פונ די אמאָליקע גוטע צײַטנ, — אלע אָנ דער כעוורע פארגעסנ... נאָר לעצטנס, אז מע האָט מיטאמאָל געוואָרפנ דעמ פרײַז, האָט עס דעמ אוילעמ אונטערגעטראָגנ; עס איז געוואָרנ א ראש, א מעהומע. וואָס טוט מענ? וואָס נעמט מענ פאָר? און פלוצעמ האָט מענ זיכ דערמאָנט, אז עס איז א כעוורע פאראנענ, אז עס איז דאָ אנ אָרט, ווו זיכ צוזאמענצוגיינ און א וואָרט צו ריידנ! און דער אוילעמ האָט זיכ געלאָזט אינ „פועלי-צדק" ארײַנ. און האָט מיכ געשלעפט... די מאסע איז ווי א פעכ, זיכ נישט אָפצורײַסנ!

צי האָסטו אמאָל געזענ, ווי פונקענ פליִענ איבער א שמידערײַ? מיליאָנענ פונקענ, און זיי וועלנ נישט אָנצינדנ קיינ איינ-

---

1 „פויאליי-צעדעק" — א פארשפרייטער נאָמענ פונ א באלמעלאָכישער כעוורע בא די ערשטע פרווּוג פונ צעכישער פארייניקונג צווישנ די יִידישע באלמעלאָכעס. — 2 מערצאָל פונ אטאָרע — א באפוצונג אפ א טאלעס.

ציקע שטרוי אפן דאכ! נעם זיי אָבער צוזאמען, וועלן זיי א וועלט פארברענען! דאָס אייגענע איז א כעוורע! קוים איז זיך דער אוילעם צוזאמענגעקומען, האָט געברענט! עס האָבן טויבע געהערט, שטומע גערעדט, לאָמע זיינען אוף און אָפּ געלאָפן, פאראליזירטע האָבן נאָר פאטשן געוואָלט, נאָר פאטשן... אַנ-דערע האָבן געשריען, אז קאָלזמאן מע וועט נישט געפינען צוויי—דריי ברויטנעבערישע בייכער צעשניטן אינמיטן מארק, וועלן די צאָרעס קיין ענדע נישט נעמען!

איך האָב פיינט פאטשן, פון צעשניטענע בייכער קאָן איך בעטעווע נישט הערן, און איך וויל זיך ארויסגאנווענען פון אוי-לעם מיט די שארפע צונגען, נאָר שטומפיקע קעפּ; ליידער, האָט מען מיך באמערקט, און עס איז פלוצלינג א געשריי געוואָרן: ער אנטלויפט! מאסערן גייט ער! מאסערן! און די ווערטער זיי-נען גענוג געווען, איך וויל צוריק גיין, ארופשפרינגען אפן ערשטן טיש און אָנהייבן ריידן, גלייך מיר וואָלט אויך עפּעס געפעלט אין קאָפּ און דאָס הארץ וואָלט זיך מיר אויך צעוואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט...

זאָל איך אייך איבערגעבן מיינע נארישע רייד? נאָך וואָס? איך האָב נאָר געוואָלט, די וועבער זאָלן זייער אייגן געשעפט פארשטיין, זיי זאָלן איינזען, אז ערשטנס, מוז מען זיך פעסט צוזאמען האלטן, אז די „פּועלי-צדק" דארפן אופגעפרישט און געשטארקט ווערן, אז מע מוז זאמלען געלט, געלט פאר קראנ-קע, געלט פאר אלטע אָן קויעך, געלט פאר וועבער אָן ארבעט, געלט פאר אלע אפ דער שלעכטער צייט, ווען עס לוינט זיך נישט צו ארבעטן... און דער איקער איז, אז קיינמאָל דארפן וועבער צווישן זיך נישט קאָנקורירן, נישט מיטן פרייז, נישט מיט פארלענגערן די צייט פון דער ארבעט... איך האָב זיי דער-ציילט, אז ערגעץ אנדערש ארבעט מען נאָר צוועלף, אין אוים-

לאנד נאָר צענ שאָ, אפ א טייל ערטער נאָר אכט. איכ האָב זיי געזאָגט, אז א מענטש איז קיינ פערד נישט און אז פערד ארבעטנ דאָכ ווייניקער פארנ פוילסטנ וועבער... אונ נאָכ אזוינע זאכנ, וואָס א מענטש מיט סייכל האלט בא זיכ אונ רעדט נישט ארויס. דו וועסט עפשער אנדערש זאָגנ, מיריאָמ-לעב? דו האָסט דאָכ שטענדיק ליב געהאט מיכ אָפּצושפארנ, צו זאָגנ פארקערט, נאָר דערפונ וועלנ מיר שוינ ריידנ אינ דער היימ! דערווײַל האָט מיר געשאט.

די גאנצע צײַט, וואָס דו האָסט פונ מיר קיינ בריוו ניט ערהאלטנ, בינ איכ געזעסנ אונ גאָט ווייסט פאר וואָס. ערשט ווענ מע איז אפ זיכער געוואָר געוואָרנ דערנאָכ, אז איכ האָב אָפּגעהאלטנ פונ פאטשנ אונ בײַכער שנײַדנ, האָט מענ מיכ אָפּגעלאָזט, נאָר געהייסנ ארויספאָרנ אפ א פאָר יאָר פונ שטאָט... א וועבער, זאָגנ זיי, דארפ זיצנ אונ ארבעטנ, ניט שפרינגענ אפ טישנ אונ ריידנ...

שלעכט, נאָר צוויי זאכנ טרייסטנ מיכ! ערשטנס, איכ האָב א זאָמענ געוואָרפנ אונ איכ בינ זיכער, אז ער וועט וואקסנ; פונדערווײַטנס זע איכ שוינ, ווי ער וואקסט! אונ ער וואקסט ווי עס באדארפ צו זײַנ: אינ דער טונקל, שטיל אונ באשיידנ, עס דארפ קיינ האָנ נישט קרייענ! אונ צווייטנס, וואָס מיריאָמ-לעבס ווונטש וועט דערפילט ווערנ אונ מיר וועלנ זיכ זענ... גיכ אונ באלד זענ... גרייט נאָר א ביסל זאלצ, אײַנצורײַבנ מיר די פלייצעס, מע האָט זיי מיר א ביסל צעהאקט...

דײַנ...

אײַנ־אײַנציקער בריוו פונ שוסטער צומ וועבער

איכ שרײַב געשווינד אונ אינ איינ ציטערניש, האָב גאָט אינ הארצ פאָר, ווי דו ווילסט, נאָר קומ נישט אהער, איכ האָב קוימ, קוימ געפויעלט בא דער שוועסטער, זי זאָל לאָזנ איינעמ ארײַנגיינ, א פײַנעמ באלמעלאָכע, אנ אלמענ... די אָרעמע מיריאָמ האָט זיכ גענוג די הענט געבראָכנ אונ די אויגנ אויסגעוויינט, איידער זי איז באשטאנענ, אצינד וועסטו קומענ, אונ די גאנצע זאכ וועט צערודערט ווערנ! אונ זאָג אליינ, כאסענע האָבנ ווילסטו ניט אונ, ווי דער עמעס איז, אצינד קאָנסטו נישט, נאָכ וואָס זאָלסטו איר שטערנ אינ וועג? דו אליינ פארדינסט ווייניק, איכ — אָסער אויב איכ בינ בעקויעכ זי אויסצוהאלטנ, איכ האָב מײַנע אייגענע גענוג. אויב דו ביסט אנ ערלעכער מאנ, פאָר ערגעצ אנדערש אוועק... געדענק אָנ גאָט! —

1897 י.

האַיִשע מאַראַס כאַנע

(א פּעקל בריוו)

א

צוויי בריוו, וואָס כאנע האָט באקומענ פונ איר ברודער מענאכעם־מענדל, אונ איינ בריוו פונ איר שוועגערנ כאווע־גיטל, בעסאכאקל דרײַ בריוו.

ערשטער בריוו

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.[1]

דײַנ בריוו האָב איכ ערהאלטנ. וואָס קלערסטו, איכ האָב גענוג טרערנ פארגאָסנ אונ א גאנצע נאכט געזיפצט אונ גע־קרעכצט. וואָס קומט מיר אָבער ארויס, גאָט אינ הימל איז מײַנ איידעס, אז איכ בינ דיר נישט אימשטאנד צו העלפנ. אונ וואָס דו שרײַבסט וועגנ דער יערושע, מוז איכ דיר, ליבע שוועסטער, זאָגנ, אז דאָס איז גאָר קיינ ווערטער נישט! נאָכנ יִדישנ דאס[2] האָסטו קיינ שומ טײַנע־אומײַנע אפ דער יערושע; פרעג דײַנ

[1] האכאים וועהאשאלעמ לאאכויסי האצנוא מאָראס כאנע טיכיע — לעבנ אונ פרידנ צו מײַנ שוועסטער דער צנוע דער הארנטע כאנע זאָל לעבנ; א טראדיציאָנעלע פאָרמ פונ א ווענדונג אינ א בריוו. — [2] דאס (דת) — רעליגיע, געזעצ.

מאנ, ער איז דאָכ א ייִד א לאמדנ, וועט ער דיר אויכ זאָגנ דאָס אייגענע. אונ דו דארפסט גאָרנישט פרעגנ דעמ מאנ, ער זאָל דיר ערשט זאָגנ; אזא אישע-קשיירע[1], ווי דו, עפנט אופ דאָס מייַטש-כומעש אונ זעט, אז צלאָפכאָדס טעכטער[2] האָבנ באקומענ יערושע, נאָר ווייַל עס זייַנענ קיינ באָנימ-זכאָרימ[3] נישט געווענ. אָבער, קוימ זייַנענ דאָ באָנימ-זכאָרימ, באקומענ די טעכטער קיינ יערושע נישט. אונ קיינ שטאר-כאָצי-זאָכער[4] האָסטו נישט. אייַ, וואָס דו זאָגסט, אז דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט דיר דעמ גאנצנ נאדנ נישט געסילעקט[5], איז אוואדע קיינ טייַנע נישט, וואָרעמ, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעמ גאנצנ נאדנ? מיר האָט מענ, ווייסטו, אויכ אָפּגעריסנ, אונ איכ האָב, כאָלילע, קיינ טייַנע נישט צו קיינעמ, — אונ ביכלאל, איז דער סייכל מעכייַעוו, אז אויב דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט נישט געהאלטנ זייַנ היסכייַווועס, האָט דאָס צווייטע צאד אויכ אזוי געטאָנ, אונ מע איז דערופ באשטאנענ; די צדאָדימ האָבנ איינער דעמ צווייטנ מויכל געווענ, ווי בא אונדז ייִדנ דער מינהעג איז. אונ איכ האָב נישט געוואָלט שטעלנ אפ מייַנ דייע, אונ איבערגעשמועסט די זאכ מיט אונדזער ראָוו אונ מיט די דאיאָנימ, אונ אלע זאָגנ פּע-עכאָד[6], אז עס איז אזוי.

אונ, בענעגייע צו דער טייַנע, וואָס דו שרייַבסט, אז דו האָסט

---

[1] קאָשערע, פרומע פרוי. — [2] די ביבל דערציילט וועגנ אייגעמ א צלאָפכאָד, וואָס נאָכ זייַנ טויט זייַנענ געבליבנ בלויז טעכטער. לויט זייער פאָדערונג, איז צלאָפכאָדס פארמעגנ אונ זייַנע אייגנטומ-רעכט איבערגעגאנגענ צו זיי. לויטנ ייִדישנ רעליגיעזנ געזעצ, האָבנ טעכטער ניט קיינ רעכט אפ יערושע, ווענ עס בלייַבנ זינ. — [3] זינ, מאנצבלענ. — [4] א דאָקומענט, וואָס דער פאָטער גיט ארויס א טאָכטער, זי זאָל נאָכ זייַנ טויט האָבנ רעכט צו באקומענ יערושע א העלפט פונ דעמ, וואָס עס באקומט א זונ. — [5] סילעקנ — דעקנ, אָפּצאָלנ. — [6] איינשטימיק.

נאָר א האלב יאָר געגעסנ קעסט, נישט א גאנצ יאָר, — פונ דעמ ווייס איכ שוינ גאָרנישט! לא פּקדני אבא[1] — דערפונ האָט מיר דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, נישט געזאָגט. אונ ווייסנ ווייסטו, אז איכ בינ דעמולט געווענ א פּאָרעש, בינ געזעסנ בא דער גאנ-צער צײַט באמ רעבנ, זאָל לעבנ, אונ געלערנט... אונ כאווע-גיטל מײַנע דערציילט, אז עס איז אזוי געווענ: עס איז געוואָרנ א שטיקל מאכלויקעס צווישנ אײַכ ווענג די מאמע, אָלע-האשאָ-לעמ, שטאָט אינ דער ווײַבערישער שול, אונ איר האָט אײַכ ארומגעריסנ בא די קעפּ, אונ דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט דערפונ גרויס צאר געהאט אונ גרויס אגמאס-נעפעש; אונ איינמאָל, שאבעס-צונאכטס, האָסטו געכאפּט דאָס פּעקל מיטנ מאָנ אונ ביסט מיט'נ אוועק אינ זײַנ שטעטל ארײַנ, — אויב אזוי, ווער איז אײַכ שולדיק? אפ וועמענ שרײַסטו? ווער האָט אײַכ געהייסנ אנטלויפנ? אז מע דארפ עסנ קעסט, עסט מענ...

נאָר — איכ מיינ נישט, כאס-וועשאָלעמ, דיר אָנצוטאָנ אג-מאס-נעפעש. איכ וויל דיר נאָר אויסווײַזנ, ווי ווײַט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מע דארפ זיכ פירנ ליפנימ-מישוראס-האדינ[2], ביפראט קעגנ אנ אייגענע שוועסטער. נאָר וואָס העלפט עס? וויל יאָ, וויל נישט, אז מע קאָנ נישט! דארפסטו וויסנ, שוועסטער-לעבנ, אז דער פאָטער אונדזערער, זיכרוינע-ליווראָכע[3], האָט פאר דער פּטירע[4] געמאכט א צא-וואָע, ער האָט אוועקגעגעבנ דאָס גרויסע שאס[5] דעמ גרויסנ בעסמועדרעש, דאָס קליינע שאס — דעמ קליינעמ בעסמועדרעש, די מישנײַעסנ מיט די עסרימ-וועארבאס[6] האָט ער געהייסנ שיקנ

1 לוי פקאָדאני אבאָ — דער טאטע האָט מיר ניט אָנגעזאָגט. — 2 בעסער, מילדער, ווי דער געזעצ ווײַזט אָנ. — 3 זאָל זײַנ געבענטשט זײַנ אָנדענק. — 4 טויט. — 5 ש א ס (ש״ס) — א גאנג געמאָרעס; גאנצ טאלמוד. — 6 די 24 ביכער פונ דער ביבל.

אין שטיבל אריַין, ווי ער, אָלעוו־האשאָלעם, האָט געדאַוונט... קוואָרע־געלט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיַין, האָט גע־קאָסט צוויי הונדערט גילדן, מ׳יאַד־לעיאַד[1] האָב איך אויך צע־טיילט א פופציק גילדן, וואָס רייד איך, מער, א סאך מער ווי פופציק גילדן! דעם טאטנ, אָלעוו־האשאָלעמס, מאלבושים האָב איך אויך צעטיילט אָרעמעליַיט, כוץ דער זיַידענע קאפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צאַוואָע, איבערגעלאָזט פאר מיַין מוישעלע, שעיִכיע, ער זאָל אין איר גיין, אין א מאזלדיקע שאָ, צו דער כופּע, במהרה בימינו[2], אָמיין. וואָס דען בליַיבט בעסאכאקל?

עס בליַיבט נישט מער, נאָר דאָס היַיזל. נו, קיין שרפ״ט[3] איז עס נישט ווערט. דער דאך איז, לוי־אַלייכעם[4], א כוילע־נויפל; אפ א האָר הענגט ער. דער וואָיט הייסט אראָפּנעמענ די אלטע פיַיערמויער, און אינגאנצנ איז עס בעכעזקאס־סאקאָנע[5].

נישט מער, שוועסטער־לעבנ, דו מיינסט, איך האָב פּארנאָ־סע! אז דער טאטע, אָלעוו־האשאָלעם, איז ניפטער געוואָרנ און איך בינ אראָפּ פונ קעסט, האָב איך פארדונגענ די דריַי שטובנ לינקס גרוינעם דעם סויכער, מע רופט אים גרוינעם צאָפּ (דו מוזט אים אוואדע געדענקענ און דאָס וויַיב זיַינס — זלאטע). מיט דעם געלט קוועל[6] איך מיך און באצאָל קוימ פּאָדימנע[7] און אנדערע פּאָדאטקעס, וואָס וואקסנ פונ טאָג צו טאָג. שולדיק בינ איך בעסאכאקל פאר א יאָר אָנדערהאלבנ מיט א שמיץ! דערוויַיל טו איך מיר אייצעס, גיב א טרונק בראַנפנ, — קומ שפּעטער, קומ מאָרגנ, קענאָהוג[8], נאָר דער שטריק אפנ האלדז

---

1 פונ האנט אינ האנט. — 2 בימהירא בעיאָמיינו — אינגיכנ; פאר אונדזער לעבנ. — 3 שארפאט — געמיינט: זייער א גרויסע צאָל. — 4 ניט פאר איַיך געדאכט. — 5 אינ א צושטאנד פונ געפאר. — 6 מאטער, פּיַיניק. — 7 א שטיַיער, וואָס איז געצאָלט געוואָרנ פונ יעדנ הויז. — 8 ווי עס פּירט זיך.

וואקסט, און וואָס דער סאָפ דערפון וועט זיין, ווייסט איינ רי־בוינע־שעל־אוילעם.

איכ באוויינ די דריי שטובנ רעכטס איניינעמ מיטנ אייַנפאָר־הויז און מיט דער שענק; די צייט דערווייל איז זייער שלעכט, די דערפער ארומ האָבנ זיכ פארשווורנ נישט צו טרינקענ קיינ בראנפנ. איז נאָכ ווייניק, האָט דער פאָרעצ געעפנט אינ די ארו־מיקע דערפער שפייז־געוועלבלעכ מיט טיי־הייזער, — וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ? מע דארפ ראכמימ! מע קוקט זיכ די אויגנ אויס, איידער מע דערזעט א פויער!

און וואָס דו שרייבסט, אז ווער עס קומט, זאָגט דיר, אז איכ האָב שיינ פארנאָסע, — זאָלנ זיי וויסנ, אז מענטשנ האָבנ נאָר גרויסע אויגנ. איידער מע פארדינט א דרייער, איז קריאַס־יאמ־סופ[1]. דערווייל מוז מענ ביילע־סאָשענ כאסענע מאכנ, און איכ ווער גרוי און אלט דעריבער. די הויצאָעס זיינענ איינ־לעשאער[2], אפ כויוו וויל מענ נישט געבנ, צו די מאלבושימ פעלט נאָכ א זיידנ אויבער־מאלבעש, וועאכריי־קיכלוימ־האקויל[3], מוז כאווע־גיטל מיינע באלד נאָכ דער כאסענע פאָרנ צו א דאָקטער. אז שמועל רויפע הייסט שוינ פאָרנ, פארשטייסטו שוינ, ווי עס האלט, ראכמאָנע־ליצלאנ[4]... איכ האָב געפרעגט דעמ רעבנ, זאָל לעבנ, הייסט ער, זאָל לעבנ, אויכ פאָרנ קיינ ווארשע. און דער הוסט ווערט שטארקער פונ טאָג צו טאָג, — גלייכ מע וואָלט האָלצ געהאקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיכ איבערשרעקנ, אז אויב איכ וועל דיר נישט באלד ענטפערנ ווי עס געהער צו זיינ, וועסטו שרייבנ צו אונדזער קרוווע אינ לובלינ און זי וועט גיינ צו איר

1 שפאלטנ דעמ יאמ. דער אויסדרוק באטייט: שרעקלעכ שווער. — 2 גאָרניט פאָרצושטעלנ זיכ; גוואלדיק גרויס. — 3 און גאָר נאָכ אלעמענ. — 4 גאָט באהיט.

אדוואָקאַט, מע זאָל מיך איבערגעבן אין גוייִשע הענט אַרײַן, — זײַ וויסן, שוועסטער־לעב, אַז דערפֿאַר האָב איך גאָר קיין פּאַ־כעד נישט! ערשטנס, פֿאַרשטיי איך, אַז עס איז גלאַט גערעדט, אַז אַזאַ קאָשערע צנועה, ווי מײַן שוועסטער איז, ווייסטו, וואָס אַ בעסדן איז, און וואָס אַ סאָנד, לעהאַוודל, איז... אַזאַ שטוס וועסטו נישט טאָן. אַ ייִדישע טאָכטער טוט נישט אַזוי! און, דו זאָלסט אַפֿילע וועלן, האָסטו דאָך אַ מאַן צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, און ער וועט אַזאַ אוולע נישט דערלאָזן! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווײַזן באַם רעבן זײַנעם, אַפֿילע נישט אין שטיבל אַרײַן קומען!

אויסער דעם, ראָט איך דיר, זאָלסט, כאַס־ווּעשאָלעם, נישט אַרויסוואַרפֿן קיין געלט אויף אַדוואָקאַטן; אַן עס לאָ היה[1] זײַנען זיי, די אַדוואָקאַטן, נאָר גיב און גיב, און הערסטו אויף צו געבן, ווייסט ער שוין נישט, ווער דו ביסט.

און דערמאָנען מוז איך דיר נאָך די טאָמאַשאָווער מײַסע, וואָס דער טאַטע, אָלעוו־האַשאָלעם, פֿלעגט דערציילן. עפּשער האָסטו זי פֿאַרגעסן, וועל איך דיר זי נאָכאַמאָל דערציילן. אַמאָל איז דאָרט ניפֿטער געוואָרן[2] אַ באַלעבאָס! איז די טאָכטער זײַנע אַ גרושע, געלאָפֿן צום אַסעסאָר[3], ער זאָל איר אויסטיילן אַ כיילעק יערושע, ווי עס איז בדיניהעם[4]. דערווײַל, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיטן אַסעסאָר, איז באַ איר אין שטוב אַראָפּגעפֿאַלן אַ קויל פֿון קוימען... אין דער רעגע האָט זיך אונ־טערגעצונדן די שטוב, און עס איז איר, נישט פֿאַר אונדז גע־דאַכט, נישט פֿאַר קיין שום ייִד געדאַכט, אַ קינד פֿאַרברענט געוואָרן!

---

1 אַמ לוי האָיאָ — אַ פּאָלק, וואָס אַזוינס איז גאָר ניט געווען. גע־מיינט: אַ שלעכטס. — 2 געשטאָרבן. — 3 דאָ: געהילף־ריכטער; מיטגליד פֿון געריכט. — 4 בעדינײַהעם — לויט זייערע (מעלוכישע) געזעצן.

און איך ראָט דיר, שוועסטער כאַנע, זאָלסט זען כאַראָטע האָבן און טשוּווע טאָן אָפּ דעם, וואָס דו האָסט געשריבן. אײן אדם נתפס על צערו[1], דאָס הייסט, ווי מענטשן זאָגן — צאָרעס נעמען דעם טייכל צו; נאָר א קיטרעג[2] קאָן, כאַס־וועשאָלעם, זײַן דערפון, און דו דאַרפסט עפּעס אָפּ זיך נעמען, כאָטש א טאָ־נעס איבער א טאָג!

איך פון מײַן צאַד בין דיר מויכל מיטן גאַנצן האַרץ. און, אַז דו וועסט קומען, אים־ירצע־האַשעם, אָפּ מײַן טאָכטערס כאַסענע, וועט אַלץ ווערן אויסגעהיילט, וועסטו זיך מיט אונדז מעסאַמייעכ זײַן אין א מאַזלדיקע שאָ. נאָר זע, לעמאַן־האַשעם, נישט צו דערמאָנען פון פּראָצעסן, כאַס־וועשאָלעם! —

און דעריקער פּאַרדריסט מיך אָפּ בעלך, נר"ו, המופלג[3], וואָס שרײַבט גאָרנישט פון זײַן געזונט. אויב ער איז אָפּ מיר אין קאַס, זינדיקט ער, און ער דאַרף דאָס וויסן, אַז כל הכועס וכו[4]. כוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעלאָזט א קאָל אין אונדזער שטעטל, אַז יאָמים־נוראָים איז ער נישט געווען באַם רעבן און האָט געדאַוונט גאָר אין בעסמעדרעש[5]. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אָוועקלייגן דאָס לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגן. א נעהענע־מייעגיע־קאַפּוי[6], זאָגט ער, וויל ער זײַן. וואָס פאַר א צאַר איך האָב דערפון, קאָנסטו מעשאַער זײַן. וואָרעם „תורה מה תהיה עליה"[7]? ווער וועט זיצן און לערנען, אַז נישט אַזוינע טײַערע קעפּ ווי ער?!

---

1 איינ אָדאָמ ניספּאָס אַל צאַארוי. — 2 א באַשולדיקונג (געמיינט: אין הימלשן גע־ריכט). — 3 באאלאָכ, נײרוי יאָיר וועיזראַכ, האַמופלאָג — דײַן מאַן, זײַן ליכט זאָל לײַכטן, דער געלערנטער. — 4 קאָל האַקויעיס וועכולוי — ווער עס איז אין קאַס... און אַזוי ווײַטער. געמיינט: קאַס איז א שלעכטע מידע. — 5 געמיינט: אין א מיסנאַגדישן בעסמעדרעש מיט די קעגנער פון די כסידימ. 6 דער, וואָס לעבט פון אייגע־נער מי. — 7 טויראָ מאַ טיהיע אָלעהאָ — די טוירע, וואָס וועט זײַן מיט איר?

ער דאַרף וויסן, אַז דער טאַטע, אָלעוו-האַשאָלעם, האָט זיך מיט'ן מעשאַדעכ געוועזן נישט אַפּ דעם טנײַ! און ביפּראַט הײַנטיקע צײַטן, ווען די אומעס-האָוילעם[1] נעמען זיך צום מיס-כער און די אַסאָקים פאַלן פון טאָג צו טאָג, איז אַוואַדע אַ יוישער, נאָשימ זאָלן האַנדלען, און די מענער זאָלן טאַקע יוי-שייוו וועויסייק באַטוירע[2] זײַן, און דער ריבוינע-שעל-אוילעם וועט זיך עפּשער טאַקע מעראַכעם זײַן... זאָל ער זיך בעסער אַרויסנעמען אַ קסאַוו-ראַבאָנעס[3], זאָל ער ווערן שויכעט, מע-לאַמעד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיין סויכער, כאַס-וועשאָ-לעם... איך זאָל נאָר וויסן, אַז ער וועט מיר נישט אָפּריידן מײַן קינד פון מײַן רעבן, וואָלט איך אים מײַן מוישעלען געשיקט אַפּ לערנען מיט קעסט!

זע, אַז דײַן מאַן זאָל אָוועקלייגן די נאַרישקײַטן, דו מאַכ דיר אַ געוועלבל, אַ שטעל... און זכוס-אָוועס, הען פון דײַן צאַר, הען פון בעלך נר"ו'ס צאַר, וועט אײַך בעוואַדע בײַשטיין.

און פאַריאָג, ראָט איך דיר, די מאָרע-שכוירע, מיט וועלכער דײַן ברייוו איז אויסגעווייקט, אַז עס שנײַדט באַם האַרצ, אַ באָסאָר-וואָדאָם אָן ביטאָכן איז ערגער ווי אַ בעהיימע, ראַכ-מאָנע-ליצלאַן. ער דרייט זיך אַרום אַפּ דער וועלט, ווי אַ יאָסעם אָן אַ טאַטן; אַ גאָט, באָרוכ-הו, אין הימל האָבן מיר; פאַרלאָזן פאַרלאָזט ער נישט.

אַז דער מענטש פאַלט אַרײַן אין מאָרע-שכוירע, איז אַ סי-מען, אַז ער האָט, כאַס-וועשאָלעם, קיין עמונע, קיין ביטאָכן נישט. און דאָס איז נישט ווײַט פון ערגערע זאַכן, ראַכמאָנע-ליצלאַן! וואָס איך וויל אפילע איבער מײַן מויל נישט ברענגען!

---

1 די אַנדערע פעלקער (ניט-ייִדן). — 2 זיצן און פאַרנעמען זיך מיט לערנען טוירע. — 3 צײַגעניש אַפּ רעכט צו זײַן אַ ראָוו.

גמ[1] שרײַב מיר, אחותי[2], כאנע, ווי עס שטײט בא אײַכ מיט ארבעס? אונדזערע צוויי גרויסע סאָכרימ, דו געדענקסט דאָכ זיי, דער לאָמער יויכעננ און יוינע סאגי־נאָהער[3], האָבנ אופגעהויבנ דעמ מעקעכ, און דער פּאָרעצ אונדזערער האָט נישט אפּ זריִע... עפּשער וועט זיכ, אימ־ייִרצע־האשעמ. מאכנ א שטיקל אייסעק... עס איז עפּשער מינ־האשאָמאִימ[4], איכ זאָל האָבנ צושטײַער צו כאסענע־הויצאָעס. דײַנ טויווע פארלאנג איכ, כאס־וועשאָלעמ, נישט אומזיסט; זאָל זיכ נאָר עפּעס מאכנ, שיק איכ אײַכ אפּ הויצאָעס, זאָלסט קומענ אימ בעלך[5] האמופּ־לעג, שעיִכיע, אפּ סאָשע־ביילע, שעטיכיעס, כאסענע, איכ וועל נאָכ פאר דיר א מאטאָנע געבנ — דראָשע־געשאנק מיצאד האקאלע!

כאווע־גיטל, שעטיכיע, גריסט דיכ גאָר פרײַנטלעכ. אליינ שרײַבט זי נישט, ווײַל עס איז הײַנט בא אונדז יאריד; זײַנענ געקומענ צוויי סאָכרימ פונ די זאמאָשטשער אכלער און ווילנ דאפקע געפילטע פיש. די קאלע, שעטיכיע, איז געגאנגענ צומ שנײַדער אָנמעסטנ א מאלבוש, און מיכ האָט מענ דאָ אליינ אי־בערגעלאָזט פאר א שוימער באמ קוימענ.

און זע, לעמאנ־האשעמ, אחותי כאנע, נישט ציצולאָזנ זיכ צומ הארצ, אוועקטרײַבנ די מאָרע־שכוירע און לעבנ מיט בי־טאָכנ. ווער עס שפּײַזט א ווערעמל אפּ דער ערד און א פייגעלע אינ נעסט, וועט דיכ אויכ נישט פארלאָזנ.

גרים בעלך, וכו׳,

פונ מיר אחיך[6]
מ ע נ א כ ע מ־מ ע נ ד ל.

1 ג א מ — אויכ. — 2 א כ ו י ס י — מײַנ שוועסטער. — 3 א בליגדער. — 4 פונ הימל, פונ גאָט. — 5 ב א א ל אָ כ — דײַנ מאנ. — 6 אָ כ י כ — דײַנ ברודער.

צוּוייטער בריוו

החיים והשלום לאחותי מרת חנה תחיה.

איך האָב דיַין צווייטן בריוו דערהאלטן. ער איז געווען דורכ־געווייקט פון טרערן און פול זילזולים[1] קעגן מיר, זוגתי[2] כאַווע־גיטל, שעטיכיע, און אפילו בתי[3] האקאלע, ביילע־סאָשע, שעטיכיע, און איך האָב דערפון פיל שפיכאס־דאָמים[4] געהאט, וואָרעם פאַרוואָס? אחותי כאנע, דו זאָגסט, אז איך בין, כאַס־ווּעשאָלעם, א גאזלען, אז איך האָב דיך געטראָפן, כאס־ווּעשאָלעם, אין וואלד, און איך האָב דיך געהארגעט, כאס־ווּעשאָלעם; אז דורך מיר און זוגתי כאווע־גיטל, שעטיכיע, ביסטו פארוואָגלט געוואָרן פון דער היים, אז מיַין טאָכטער ביילע־סאָשע איז, בא דיר אין די אויגן, א כוצפע, וויַיל זי מאכט זיך זיַידענע מאלבושים... מה אומר ומה אדבר[5], אז איך מוז הערן און שוויַיגן, וויַיל איך וויים, אז דיר איז אזוי שלעכט... אז נישט דו רעדסט, נאָר דיַין שווער געמיט רעדט...

די זאך איז אָבער נישט אזוי. איך בין, כאס־ווּעשאָלעם, קיין רעציייעך נישט! און זאָל קומען איינער פון גאס און זאָגן, אז די קאפּאָטע, וואָס איך טראָג אפן ליַיב, איז זיַינע, און ער וויל האָבן א דין־טוירע, רעד איך מיט אים נישט דאָס אנדערע וואָרט און גיי מיט'ן צום ראָוו. און, אים־ייִרצע־האשעם, אז דו וועסט קומען אפ ביילע־סאָשעס כאסענע, האָב איך מיט דיר א דין־טוירע, בעפיירעש א דין־טוירע, פון קיין פּיישער[6] האַלט איך נישט!

און זע אליין! בענעגייע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט

---

1 זידלערייען. — 2 זוגאָסי — מיַין פרוי. — 3 ביטי — מיַין טאָכטער. — 4 הארצווייטעק. — 5 מא אוימאר אומא אדאבייר — וואָס זאָל איך זאָגן, און וואָס זאָל איך ריידן. — 6 פּשאָרע, אויסגלייַך...

דערעסנ, ביסטו דאָכ אלײנ מוידע אינ דײַנ בריִוו, אז די סיבע איז געוועזנ א מאכלויקעס צווישנ דיר אונ זוגתי, טיכיע. ווער עס האָט אָנגעהויבנ, איז נישט מײַנ זאכ. איכ זע נאָר, אז בעלך איז, קײנ אײַנהאָרע, א גרויסער גוילעמ, שהלך אחרי אשתו[1]... איר זענט, זאָגט מענ, אינ א מאָצע-שאבעס אנטלאָפנ, לײַטנגעלעכטער אָנגעמאכט. דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, האָט געהאט דערפונ גרויס שווירעס-האלעוו[2] אונ קיצער-יאָמימ (אזוי האָט ער בעפײרעש געזאָגט; שכײנימ האָבנ געהערט!), אונ דו לײגסט אלצ ארופ אפ כאווע-גיטל, טיכיע! מאכסט איר גלאט א בילבל!

נאָר! מאי דהווה הווה[3] — דער טאטע, אָלעוו-האשאָלעמ, איז שוינ אפנ אוילעמ-עמעס! אוימ קעסט, אוימ טײַנעס! — שרײַ כײַוועקײַעמ קעגנ גאָט, באָרוכ-הו.

אונ זײַ וויסנ, אז ביטי האקאלע בײלע-סאָשע איז גאָר, כאָלילע, קײנ כצופע נישט! זי איז נעבעכ גאָרנישט שולדיק! צו די זײַדענע מאלבושימ נײט מיכ דער מעכוטנ, דער טאקיפ. אײנמאָל האָט זי אפילע געוויינט, אז זי שטעלט אונדז בעדאלעס. וואָס זאָל מענ אָבער טאָנ, אז אינ די טנאָימ שטײט בעפײרעש „ביגדיי-מעשי-וועסאמעט"[4], אונ ער טרעט נישט אָפּ פונ די טנאָימ. אז נישט, זאָגט ער, איז אויס, צערײַסט ער די טנאָימ! אונ מער פעלט מיר נישט, נאָר ביטי, טיכיע, זאָל, כאס-וועשאָלעמ, פארזיצנ!

אונ זײַ וויסנ, אז דער נאדנ איז אויכ נאָכ נישט געסילעקט אינגאנצנ בימזומאָנימ. צוגעזאָגט האָב איכ זעקס, געגעבנ דרײַ;

---

1 שעהאָלאכ אכריי אישטוי — וואָס האָט געפאָלגט זײַנ ווײַב. — 2 הארצווייטעק. — 3 מײַ דעהאווע האווע — וואָס געווענ, איז געווענ. — 4 זײַדענע אונ סאמעטענע קליידער.

אפּ נאָכ שתי‎[1] מייעס האָב איכ געמוזט געבנ אנ אקט אפנ הויז. ווייסטו דאָכ, אז דאָס הויז איז אפנ טאטנס, אָלעוו-האשאָלעמס, נאָמענ, — קאָסט ווײַטער געלט, איידער מע קאָנ פארשרײַבנ, וד"ל‎[2]... אפּ דער רעשט האָב איכ געגעבנ א זאָלאָ-וועקסל אפּ סטעמפּעל‎[3], וליתר תוקף ועוז‎[4] — נאָכ א כיירעם-קוויטל‎[5]. אונ אצינד בינ איכ ערשט אינ דער קלעם, אז דער ריבוינע-שעל-אוי-לעם זאָל זיכ מעראכעם זײַנ.

נאָר רייד מיט א יִדענע! נישט אומזיסט האָבנ אונדזערע כאכאָמימ געזאָגט: „נשים דעתן קלות"‎[6], אונ מענטשנ זאָגנ: לאנגע האָר — מיידלווײַז, מיינ איכ, — אונ קורצער סייכל. איכ שרײַב דעריבער באזונדער לבעלך, שעיִכיע; ער איז א מאַנצבל, א בענ-טוירע, א מופלעג-בעטוירע‎[7], אונ ער וועט וויסנ, אז א באָסאָר-וואָדאָמ טאָר זיכ נישט ארופלייגנ אפּ אנ אנדערנ באָ-סאָר-וואָדאָמ, וואָרעמ: וכשל עוזר ונפל עזור‎[8], — א באָסאָר-וואָדאָמ קאָנ קוימ זיכ אליינ דערטראָגנ... א מענטש מוז האָבנ ביטאָכנ.

אונ איכ בינ באָטועכ, אז גאָט וועט דיכ, כאס-וועשאָלעמ, נישט פארלאָזנ; ער פארלאָזט נישט קיינ שוואכע פליג! נאָר פונ ריבוינע-שעל-אוילעמ קאָנסטו געהאָלפנ ווערנ, צו אימ זאָלסטו

1 שטיי — צוויי. — 2 וועדײַ-לענאָונג אָדער וועדײַ-ליכקימע — און עס איז גענוג פאר דעם, וואָס פארשטייט, אָדער פאר א קלוגנ. — 3 א סאָלאָ-וועקסל, א פערזענלעכער וועקסל מיט א באשטימטנ טערמינ, ווענ ער קענ צוגעשטעלט ווערנ צומ אופמאָנענ דורכ א נאָטאריאלער קאָנטאָר אָדער דורכנ געריכט. — 4 אולעיעסער טויקעפ וואָויז — אונ קעדיי עס זאָל זײַנ נאָכ שטארקער אונ פעסטער. — 5 א ספעציעלע פארפליכטונג. — 6 נאָשימ דײַטאָנ קאלויס — פרויענ זײַנענ לײַכטזיניק. — 7 א גרויסער קענער פונ דער טוירע. — 8 וועכאָשאל אויזייר ווענאָפאל אָזור — ס׳ווערט געשטרויכלט דער העלפער, אונ עס פאלט דער געהאָלפענער.

מיספאלעל זיין, און איך פון מיין צאר, אז איך וועל, אימ־
ירצע־האשעם, זיין בא אים[1], זאָל לעבן, וועל איך אָנגעבן פונ־
דיינעטוועגן א קוויטל[2] מיט א באזונדערן פידיען[3]. צוויי צו
דריי מאָל ח״י[4], און עס מוז פויעלן!

און בענעגייע צום ארבעס, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.
איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך גאווריִעל דער פאכטער
אראָפגעברענגט פון אייער געגנט עטלעכע פורן ארבעס. פאר־
דינט האָט ער א מאטמען! ער מאכט שוין כאסענע א זון און
גיט שוין נאדן... וואָס קלערסטו, אז גאָט וויל, פעלט דיר אפ א
מארקע, פארשפעטיקט זיך דיין טשוווע אפ מיין בריוו, און
גאווריִעל ווערט דער כאָכעם!

און וואָס דו שרייבסט, אז דאָס קינד דיינס איז נישט בע־
קאוו־האבריִע[5], זאָל טאקע דער רויפע כויליִם[6] העלפן; אין סא־
קאָנעס־נעפאָשעס גלייב נישט; נאָר אָן מאָרע־שכוירע! איך האָב
געטאָן מיינס. איך בין אופגעשטאנען גאנצפרי, געגאנגען אין
גרויסן בעסמעדרעש ארייַן, ארייַנגעוואָרפן אין מייער באל־
האנעס, אופגעשריבן אפ דער מיזרעכ־וואנט „לרפואה שלמה״[7]
מיט גרויסע אויסיעס. און, אויב עס וועט זיין, אים יִרצע־הא־
שעם, א לייזונג, וועל איך נאָך שיקן ליכט אין שול אריין. דעם
רעבן, זאָל לעבן, וויל איך אויך מוידיִע זיין. און נישט דערמאָנען,
אז בעלך איז נישט זיין כאָסיד, און דו ווייסט, אז בא אים, זאָל
לעבן, בין איך א בען־באיִס...

פון מיר אחיך מ ע נ א כ ע ם־מ ע נ ד ל.

---

1 געמיינט: באם כסידישן רעבן. — 2 א צעטל, וואָס מע דערלאנגט דעם
רעבן, וווּ ס׳איז אָנגעשריבן די ביטע צו אים. — 3 דאָס געלט, וואָס מע גיט דעם
רעבן. — 4 כ״י — דער צאָל־באטייַט פון די אויסיעס איז 18; דאָס וואָרט איינגאנצן —
לעבן. — 5 געזונט. — 6 דער, וואָס היילט קראנקע; געמיינט גאָט. — 7 ״ל י ר פ ו א ־
ש ל י י מ א״ — צו פולקומער אויסהיילונג.

איקער שאָכאכטי[1]. מירל-פייגע, דעם דייַענס טאָכטער איז לוי-אלייכעם[2], געוועג מאקשע-ליילעד[3], האָט מען אראָפּגע-ברענגט א דאָקטער פון טאָמאשאָוו, און דער מאן איז טייקעף אוועקגעלאָפן צום רעבן, זאָל לעבן. צי דער דאָקטער האָט קא-ליע געמאכט, צי וואָס, נאָר אז דער מאן איז געקומען, האָט ער זי שוין געטראָפן אף דער מיטע. ער האָט איר געמאכט גאָר א שיינעם העספּעד. אצינד רעדט מען אים שידוכים, איך וועל מיך אויך אריַינלייגן אין דער זאך. עס איז א מיצווע אזא שיינעם יונגנמאן א טויווע צו טאָן. אגעוו, טאָמער באשערט האשעמ-ייִסבאָרעך א רייַכן שידעך, וועל איך נישט צוליינגן.

אחיך הנ"ל[4].

זוגאָסי כאווע-גיטל, שעטיכיע, לאָזט דיך גריסן גאָר פריַינט-לעך. וכן[5] בתי האקאלע שעטיכיע. מיט גאָטס הילף וועסטו, אים-ייִרצע-האשעם, די טעג באקומען א כאסענע-בריוול. עס זאָל אונדז זיַין צו מאזל און צו בראָכע.

מ ע נ א כ ע מ-מ ע נ ד ל הנ"ל.

גיסתי האהובה המיוחסת והצנועה, האשה הכשרה, הלא היא מרת חנה תחיה[6].

רייִשים, בין איך דיר מוידיִע, ליבע שוועסטער און שוועגערן,

---

1 דעם איקער האָב איך פארגעסן. א טראדיציאָנעלע פאָרמולע פון א נאָכ-שריפט (פּאָסט-סקריפּטום) אין א בריוו. — 2 ניט פאר אייַך געדאכט. — 3 א שווער האָבן. — 4 האנאל — דער אויבן דערמאָנטער. — 5 וועכיג — און אזוי. — 6 גיסאָסי האָאהוואָ האמעיוכעסעס וועהאצנואָ, האָישאָ האקשייראָ האָאלוי הי מאָראס כאנע טיכיע — מיַין געליבטע שוועגערן, די יאכסנטע און צנוע, די קאָשערע פרוי, וואָס אזא איז די הארגטע כאנע, זאָל לעבן.

אַז מעהאיוים=וועהאָלאָ[1], אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועל
איך אָפּנעמען דײַנע בריוו, נישט מײַן באַל=בעכי[2], און אַשפּע
וועל איך פון זיי מאַכן! צווייטנס, ליבע שוועגערן, איז דאָס פון
דײַן זײַט, צווישן אונדז געזעגט, אַ גרויסע כוצפּע, וואָס דו
האָסט זיך אָן אונדז אָנגעכאַפּט, און דאַפּקע פאַר דער כאַסענע,
און מאַכסט אונדז די טעג פינצטער ווי די נעכט, און ווילסט
נאָך אָנמאַכן אַ שוואַרץ=פינצטער לעבן צווישן מאַן און ווײַב:
דו מוזט, אַפּאָנעם, מיינען, ליבע שוועגערן, אַז דו ביסט נאָך
באַם שווער, זיכרוינו=ליוורעכע, אַפּ קעסט, אַז דו ביסט אַ פאַר=
צויגענע באַס=יעכידע, אָן שום דערעך=ערעץ, און אַז מע גיט דיר
נישט דעם טעלערל פון הימל, ווילסטו אַלעמען אויסשטעכן די
אויגן, די וועלט אומברענגען, און די קוילעס דײַנע גייען אַד=
לעוו=האַשאָמאַיִם[3]. איך געדענק נאָך דײַן טופּען מיט די פיסלעך,
דײַן זעצן מיט די פויסטן אין טיש אַרײַן, בעשאַס ווען דער
טאַטע דײַנער שטעלט זיך אין אַ ווינקל אַרײַן, שאָקלט מיטן שאָ=
פּענעם קעפּל, אַז די פּייעס וואַרפן זיך אים, ווי די לולאָווים;
דער שווער, זאָל ער מיר עס דאָרט מויכל זײַן, זאָגט דאָך אוואַדע,
אַז די באַס=יעכידע איז גערעכט.

טײַערע שוועגערן כאַנע! עס איז שוין צײַט זיך אופצוכאַפּן
פון שלאָף, צו פאַרגעסן די פּוסטע כאַלוימעס און צו זען, אַפּ
וואָס פאַר אַ וועלט מע איז. דער שווער, זיכרוינו=ליוורעכע,
איז שוין לאַנג אַפּן אוילעם=עמעס; נישטאָ קיין קעסט, אויסגע=
רונען! אַ באַס=יעכידע קאָנסטו נאָר זײַן בײַ דײַן אייגענעם מאַן,
נישט בײַ קיין אַנדערן. און איך ווײַז דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

און דעם בריוו=טרעגער האָב איך זאָהיר=וועהיזאָהייר[4] אָנ=

1 פון הײַנט און ווײַטער. — 2 באַל־בעכי — אַ קלאָגער. — 3 ביז אין הימל אַרײַן. — 4 שטרענג, אָפּגעהיט.

געזאָגט, ער זאָל דײַנע בריוו אָפּגעבן מיר צו דער האַנט, נישט מײַן קאָשער בעהיימעלע. זײַ וויסן, ליבע שוועגערן, אַז די גאַנצע וועלט בלאָזט אַפּ די נעגל פון דײַנע שיגאָענ! ווער עס הערט, זאָגט נישט אַנדערש, נאָר אַ דיבעק, ראַכמאָנע־ליצלאַנ! סערל די נעגידע האָט מיר בעפּײרעש געזאָגט, אַז דו ביסט ווערט, מע זאָל דיך קוירייע־קעדאַג[1] זײַנ! אַנ איך קאָנ גאָרנישט פאַרשטײן, וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר! נישט איך, כאַווע־גיטל, האָב, כאַס־וועשאָלעם, געשריבן די טוירע; נישט איך, כאַווע־גיטל, בינ, כאַס־וועשאָלעם, אַראָפּ מיט דונער און בליצן אַפּן באַרג סינײַ אַוועקצוגאַזלענ פון דיר דעם דינ פון יערושע; און אַז דער שווער דײַנער, זאָל מיר עס דאָרט מויכל זײַנ, איז געווען אַזאַ באַטלענ, ווי דײַנ מאַנ דער טאַם, און מע האָט דיר נישט געגעבן קײנ שטאַר־כאָצי־זאָכאָר, בינ איך שולדיק? און דער ריבוינע־שעל־אוילעם איז נישט, כאַס־וועשאָלעם, אינ מײַנ רעשוס; די שליסל פון שאַאַרײ־ראַכמים[2] ליגנ נישט בא מיר, — עס איז דאָ צו וועמענ צו שרײַענ! האָסט נישט קײנ סידער, קײנ מאַכזיירים, קײנ טכינעס? דאַווג, בעט ראַכמים! און אויב דאָס קינד דײַנס איז טאַקע כוילע־מעסוקן, איז דאָרט אויך דאָ אַנ אָרנ־קוידעש אײַנצורײַסן, קוואָרים צו מעסטן, און מײער באַלנעם אַפּ צדאָקע פעלט אויך נישט! דו ווײסט אָבער נישט מער, נאָר — כאַווע־גיטל, כאַווע־גיטל און ווידער כאַווע־גיטל! פעלט דיר פּאַרנאָסע, וועער איז שולדיק? כאַווע־גיטל! גיסטו צו איר אויס דײַנ ביטער האַרצ; איז דיר קראַנק דאָס קינד, ווער איז שולדיק? מיסטאַמע כאַווע־גיטל, און פאַרשרײַסט מיר דעם קאָפּ! און איך, אײנ גאָט אינ הימל ווײסט דעם עמעס, בינ כוילע־מעסוקן, איך פּאָכע מיט דער נעשאָמע און בא אַ ליאַדע אַנמאַס־

---

1 צעריסן ווי אַ פיש. — 2 די טויערן פון דערבאַרעמונג.

...אז
ווי אחיך
מענאכעמ
מענדל
גיט זיך
נאָר א
ריר, איז
באלד א
שאָדנ;
לימענע
הענט האָט
ער, דאָס
שלימאזל!
א מענטשע
זאָל נישט
טויגנ נישט
צו גאָט,
נישט צו
לייט:
זאָל נישט
אריינטאָנ קיינ האנט
אינ קאלט וואסער
אריינ, נאָרנישט!

נעפּעש ווער איך מאַמעש אוים מענטש. און אַז מיך כאַפּט אָן דער הוסט, איז טאַקע סאַקאָנעס־נעפאָשעס, מיין איך, אַז עס עקט זיך מיַין וועלט. איך בין, ווי מע זאָגט: אַ פוס אין שטוב, אַ פוס אין גרוב. און אַז די דאָקטוירים וועלן מיר נאָך הייסן פאָרן קיין אויסלאַנד וואַסער טרינקען, בלייַב איך אָן אַ העמד, כאַס־ווּעשאָלעם; און אַף וועמענס הענט לאָז איך איבער די שטוב, די פּאַרנאָסע, די זעקס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאַכט זיך, אַז אַף מיר שטייט דאָס גאַנצע הויז, אַז אַלץ ליגט אַף מיַין קאָפּ, אַז ווי אָחיך מענאַכעם־מענדל גיט זיך נאָר אַ ריר, איז באַלד אַ שאָדן; ליימענע הענט האָט ער, דאָס שלימאַזל! אַ מענטש זאָל נישט טויגן נישט צו גאָט, נישט צו לייַט; זאָל נישט אַריַינטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער אַריַין, גאָרנישט! פעלט מיר נאָך, עס זאָל קומען דער דאָקטער און זאָגן, אַז עס וואַקסט בא מיר די מילץ אין דער ברייט, אַז די סאַקאָנע איז, כאַס־ווּעשאָלעם, זייער גרויס, אַז איך ברויך גרויס ראַכמים! — קומסטו און מאַכסט מיך פאַר אַ גליקלעכע נעגידע, איך זאָל דיר העלפן.

ליבע שווּעגערן, איך זאָג דיר בעפּיירעש, אַז דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאָטער, נישט פון אַ ייִדישע טאָכטער; ביסט פּאָשעט אַ מענטש אָן ראַכמאָנעס! שוין צייַט, זאָלסט גאָר אינגאַנצן אופּ־הערן מיט דייַנע ליבהאַרציקע בריוועלעך! און זע, לעמאַן־האַשעם, צו קומען אַף דער כאַסענע, וואָס וועט זיַין, אים־ייִרצע־האַשעם, גאָר קירצלעך. ווען, ווייס איך נאָך אַליין נישט, ווייַל איך וויל עס נישט נעמען אַף מיַין אַכרייַעס. זאָל מענאַכעם־מענדל פאָרן צום צאַדיק און אָפּשטעלן אַף זיַין באַראָט, ווען די כאַסענע זאָל זיַין אין אַ מאַזלדיקע שאָ, און איך וועל דיר שוין מוידיע זיַין. מאַטאָנעס ברענגען דאַרפסטו נישט. און אַז דו וועסט, אים־ייִרצע־האַשעם, קומען אים בעלך האַמופלען, שעיִכיע, וועט

איר באַ מיר זײַנ פונ די געהויבענע געסט, איך וועל אײַך זעצנ אויבנאָנ; אונ די קאַלע בעט אײַך אויך זייער אונ זייער, איר זאָלט קומענ אפ דער חתונה, נאָר איר זאָלט אײַך לײַטיש פירנ, נישט, חאָס-וועשאָלעם, פארגעסנ, ווו איר זײַט אפ דער וועלט, אונ נישט אָנטאָנ קיינ חרפה-אוב׳ושה.

גרים בעלך, שעיִביע, מיטנ קינד לירפוא-שליימע.

פונ מיר דײַנ שוועגערנ

ב א ו ו ע-ג י ט ל.

ב

פיר בריוו, וואָס חנע האָט באַקומענ פונ מאנ ש מ ו ע ל - מ ו י ש ע.

ערשטער בריוו

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה.

ווענ מײַנ בריוו וועט קומענ צו דיר אינ דער האנט ארײַנ, וועל איך, בעלך שמועל-מוישע, שוינ זײַנ אינ מערבאקים[1]. אונ איך בעט באַ דיר סליחע-אומעבילע[2] אפ דעם. איך בינ אוועק פונ דיר נישט מיט מײַנ גוטנ ווילנ. איך האָב שוינ לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטנ; איך האָב געזענ בעכוש, אז עס איז קאָלו-קאָל-האקיצנ[3], אז עס איז שוינ די צאָרעס נישט צו דער-טראָגנ; דעם נאַדנ האָבנ מיר אופגעגעסנ, די יערושע האָט דײַנ ברודער דער גאזלענ אײַנגעשלונגענ, ער האָט באנוצט די צײַט, ווענ די בריוו זענענ צווישנ אײַך געגאנגענ, אונ האָט פארשריבנ

---

1 ווײַטע לענדער. — 2 פארגעבנ אונ מוחל זײַנ. — 3 געמיינט: עס קאָנ שוינ ערגער ניט זײַנ.

דאָס הויז אפן מעכוטנס נאָמען, — צושלאָגן זיך צו'ן א שטיקל אייסעק האָב איך נישט געקאָנט, נישט געהאט מיט וואָס; איז מיר קיין אנדערע אייצע נישט געבליבן נאָר, אָדער זיך, כאָס-וועשאָלעם, צו הענגען, ווי מוישע דער שניידער האָט געטאָן, אָדער אנטלויפן קיין אמעריקע — האָב איך אויסגעקליבן אמעריקע; זאָל איך כאָטש יענע וועלט נישט פארלירן, און אין אמעריקע וועל איך שוין נישט זיין קיין באטלען, קיין „קלי-יאָקאָר"[1]; איך וועל מיט גאָטס הילף מיטן שוויים פון שטערן, מיט מיינע צען פינגער פארדינען אפ א שטיקל ברויט, ביז האשעם-יִסבאָרעך וועט זיך מעראכעם זיין און וועט אריינשיקן די בראָכע אין מיינע צען פינגער, און עפשער וועט ער גאָר בענטשן דיין מיסכער דאָרט מיט די ציבעלעס און וועט אונדז צוריק צוזאמענפירן אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר! אמן, כן יהי רצון[2].

און איך בעט דיך זייער, ליבע, גוטע כאנע, זאָלסט דיך נישט אזוי מעצאער זיין, נישט אזויפיל וויינען. דו ווייסט, אז מיין גאנצער מיין מיטן אוועקפאָרן איז נאָר — פארנאָסע, נאָר דאָס שטיקל ברויט! דו ביסט זוגתי כאנע, און איך בין דיין מאן שמועל-מוישע, און ביידע זיינען מיר צוגעבונדן צום קינד, זאָל לעבן און געזונט זיין. ווען איך וואָלט געהאט כאָטש א שטיקל טרוקן ברויט, וואָלט איך עס, כאָס-וועשאָלעם, נישט געטאָן... עפשער וועט זיך דערווייל האשעם-יִסבאָרעך מעראכעם זיין, און, אז דיין ברודער דער גאזלען וועט דערהערן, אז איך האָב דיך, כאָס-וועשאָלעם, געלאָזט אן אגונע, וועט ער פאָרט עפשער ראכמאָנעס קריגן, דאָס שטיינערנע הארץ וועט ווייכער ווערן, און ער וועט דיר גיכער עפשער שיקן עטלעכע רובל אפ פארנאָסע...

---

1 א טייערע קיילע. געמיינט: א טוירע-לערנער. — 2 אָמיין, קיין יעהי ראָצוין — אָמיין, אזוי זאָל זיין דער ווילן פון גאָט.

וואָס זאָל איך ריידן, און וואָס זאָל איך זאָגן, מײַן גאָלדענע כּאַנע?! איך מוז דיר זאָגן, אַז די מאַכשאָווע אוועקצופֿאָרן און דיך איבערצולאָזן מיטן קינד איז מיר שוין אַ סאַך מאָל אַרופֿגעקומען אױפֿן זינען. איך האָב שוין לאַנג געזען, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע ברייִרע. טאָג אַזוי נאַכט האָב איך דערינען געקלערט, אײ באַם דאַווענען, אײ באַם לערנען. איך האָב נאָר געוואָרט, דעם קינד, עס זאָל אים זײַן לירפֿוּע־שלײמע, זאָל בעסער ווערן. אַז דעם קינד, זאָל לעבן, איז בעסער געוואָרן, האָב איך דאָך נישט געהאַט דאָס האַרץ דיר צו זאָגן, אַז איך וויל אַוועק, ווײַ די אויגן וועלן מיך טראָגן... איך האָב מוירע געהאַט, אַז דו וועסט זאָגן, אַז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קאָנען טאָן קעגן דײַן ראָצן. האָב איך אַלץ אין מיר געהאַלטן, אָפּגעגעסן זיך אין דער שטיל דאָס האַרץ. נאָר אײערנעכטן, אַז דו האָסט אַהײם געבראַנגט אַ פֿונט ברויט און צעטײלט פֿאַר מיר און פֿאַרן קינד, זאָל געזונט זײַן, און געזאָגט, אַז דו האָסט שוין געגעסן באַם שאָכן, און איך האָב דערקענט אָן דײַן פּאָנעם, וואָס האָט באַקומען אַלערלײ קאָלירן, — ווײַל דו קאָנסט בעטעווע נישט זאָגן קײן ליגן — אַז דו נאַרסט מיך, אַז דו האָסט אין דײַן מויל נישט געהאַט, — האָב איך בעשאַס־מײַסע דערפֿילט, ווי ווײַט איך זינדיק קעגן דיר! עסנדיק פֿון ברויט, האָב איך געפֿילט, אַז איך עס פֿון דיר דאָס פֿלייש, כּאַס־וועשאָלעם; און דערנאָך, באַם גלעזל טײ, — אַז איך טרינק, אַז איך זויג אויס, כּאַס־וועשאָלעם, דײַן בלוט. עס האָבן זיך מיר מיט אַמאָל די אויגן געעפֿנט; איך האָב ערשט דערזען, וואָס פֿאַר אַ פּוישע־ייִסראָעל[1] איך בין! און אויסזאָגן האָב איך פֿאָרט מוירע געהאַט; בין איך אַנטלאָפֿן אָן דײַן יעדיִע, —

[1] אַ זינדיקער ייִד.

בא יעכ׳על דעם מאלווע[1] האָב איך פארזעצט די אייבערשטע קאפּאָטע מיטן טאלעס, נאָר, לעמאַנ=האשעם, דאָס זאָל קיינער נישט וויסן — און האָב גענומען אפּ הויצאָעס. אז עס וועט מיר פעלן, זײַנען אומעטום דאָ יִדן בניי=ראכמאָנים און מע וועט מיך, כאָלילע, נישט לאָזן פאלן אין גאס. וועל איך אָנקומען צו מאטנאס=באָסאָר=וואָדאָם[2]! און א נײדער האָב איך געטאָן, אז איך וועל, אים=יִרצע=האשעם, שפּעטער, אז זײַנ ליבער נאָמען וועט זיך מערַאכעם זײַן, און איך וועל וואָס=עס=איז פארדינען, וועל איך אלץ אָפּגעבן אפּ צדאָקע, מיט רעוואָכים — אים=יִרצע=האשעם!

דארפסט פארשטיין, מײַן גאָלדענע כאנעלע, ווי מיר איז שווער און ביטער דאָס אוועקפאָרן... אז אונדזער איינציק טײַער קינד איז געבוירן געוואָרן, איז מיר אוואדע אין זינען נישט ארײַנגעקומען, אז איך וועל אים מוזן איבערלאָזן, כאָטש אפּ א צײַט, אָן א טאטן...

די נאכט, וואָס איך בין אוועק, בין איך אָפּגעשטאנען, אוואַדע א שאָ אפּן זייגער, איבער דײַן בעט; דו ביסט געשלאָפן. בא דער שײַן פון דער לעוואָנע האָב איך ערשט געזען, ווי דו זעסט, נעבעך, אויס! ווי דאָס קינד, נעבעך, איז געל ווי א וואקס... פּאר פּאכעד און גרויס ראכמאָנעס האָט מיר דאָס הארץ געשטיקט; איך האָב שיר נישט ארויסגעלאָזט א געוויין; אויס מענטש בין איך ארויס פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאפּט באַם בעקער, געקויפט א ברויט, שטילערהייט ארײַנגעגאנוועט זיך אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט. איך בין ווײַטער געשטאנען א ווײַלע און האָב קוים קויעך געהאט אָפּצורײַסן די פיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, כאנע, א מענטש שפּירט אמאָל אין איין רעגע יעסורים פון הונדערט יאָר!

1 פּראָצענטניק. — 2 א געשאנק פון א מענטשן; א נעדאָווע.

...בא דער שײַן פונ
דער לעוואָנע האָב איכ ערשט געזענ,
ווי דו זעסט. נעבעכ, אויס! ווי דאָס קינד
נעבעכ, איז געל ווי א וואקס... פאר
פאכעד און גרויס ראכמאָנעס האָט
מיר דאָס הארצ געשטיקט..

כאנעשי קרוינ, איכ ווייס גאנצ גוט, אז איכ בינ א גאזלענ, א רעצייעכ, וואָס איכ האָב דיר נישט געלאָזט קיינ געט, אל-קאָל-פּאָנעמ אפּ א טנײַ[1]; אָבער גאָט אינ הימל איז מײַנ איידעס, אז איכ האָב דערצו קיינ קויעכ נישט געהאט, קיינ הארצ נישט געהאט, מיר דאכט זיכ, אז ווענ איכ וואָלט דיר איבערגעלאָזט א געט, וואָלט איכ, כאס-ווע-שאָלעמ, געשטאָרבנ אונטערוועגס פאר יעסורימ; מיר זענענ דאָכ א געטרײַער, קאָשערער זיווענ; האשעמ-ייִסבאָרעכ אליינ האָט אפּנ זיווענ מאסקימ געווענ. אונ איכ בינ צו דיר אָנגעבונדנ מיטנ גאנצנ הארצ: איינ נעשאָמע אינ צוויי גופימ. אונ איכ ווייס נישט, ווי איכ וועל לעבנ אָנ דיר אונ אָנ דעמ קינד, זאָל געזונט זײַנ, אפילע איינ מינוט. אונ טאָמער זאָגט דיר עמעצער, אז איכ האָב דיכ געלאָזט, כאס-ווע-שאָלעמ, אנ אגונע, גלייב נישט! דענ איכ, שמועל-מוישע, בינ דײַנ מאנ, אונ וואָס איכ האָב געטאָנ, האָב איכ געמוזט טאָנ. וואָרעמ וואָס טוט נישט א מענטש פאר נויט...

כאנעשי קרוינ, ווענ איכ וואָלט פאר דיר געקאָנט אופרײַסנ מײַנ הארצ, דו זאָלסט זענ, וואָס דאָרט טוט זיכ, וואָלט מיר עפשער א ביסל גרינגער געוואָרנ. — אצינד, מײַנ קאָשערע נעשאָמע, לײַד איכ גרויסע צאָרעס! די טרערנ גיסנ זיכ מיר פונ די אויגנ, אז איכ זע נישט, וואָס איכ שרײַב, אונ דאָס הארצ קלעמט, אונ אינ מויעכ דרייט זיכ ווי א מיל... אונ עס קלאפּט מיר א צאָנ אָנ א צאָנ, אונ דער באלעגאָלע, דער אמהאָרעצ, שטייט איבער מיר אונ האקט אינ טיש ארײַנ אונ שרײַט: פאָרנ,פאָרנ! ריבוינע-שעל-אוילעמ, האָב שוינ אמאָל ראכמאָנעס אפּ מיר,

---

1 א טנײַ־געט ווערט איבערגעלאָזנ באמ ראָוו אונ ווערט אָפּגעגעבנ דער פרוי צו א באשטימטנ טערמינ, אויב דער מאנ קערט זיכ ניט אומ אָדער גיט ניט צו וויסנ וועגנ זיכ. דאָס ווערט געמאכט, קעדיי די פרוי זאָל ניט בלײַבנ קיינ אגונע.

אפ מײַנ װײַב כאנע, זאָל געזונט זײַנ, אונ אפנ קינד, איכ זאָל נאָכ פונ אימ אמאָל נאכעס דערלעבנ.

פונ מיר, דײַנ טרײַער מאנ, װאָס שרײַבט אפנ װעג אינ קרעטשמע.

שמועל־מױשע.

צװײטער בריװ

אישתי היקרה והאהובה[1].

װאָס זאָל איכ רײדנ, װאָס זאָל איכ זאָגנ; איכ זע בעכוש, אז מינ־האשאָמאַימ האָט מענ מיר געהײסנ פאָרנ. אז דאָס איז געװענ א גאָט־זאכ. דאָס האָט ער מיר אײַנגעגעבנ סײכל, איכ זאָל אװעק קײנ אמעריקע; אלצ, װאָס האשעמ־ייִסבאָרעכ טוט, לאָזט זיכ אוים צומ גוטנ.

מײַנ ליבע כאנע! בעשאס איכ מאכ צו די אױגנ, דאכט זיכ מיר, אז איכ בינ אינ דער הײמ, אונ עס כאָלעמט זיכ מיר פונ עק װעלט! װאָרעמ בעעמעס, װער װאָלט געגלײבט, אז אזא באטלענ, אזא מענטש אָנ א צונג אינ מױל װי איכ, — א מענטש, װאָס קאָנ קױמ א צוראס־מאטבײע, זאָל פאָרנ מיט דער באנ, לאָזנ זיכ אפ א שיפ איבערנ יאמ אונ קומענ בעשאָלעמ קײנ אמעריקע! אצבע אלהימ[2]! — גאָטס האשגאָכע איז עס... זײַנ װילנ נאָר האָט געװיזנ געװעזנ, אז איכ האָב געקאָנט איבער־לאָזנ דיכ מיטנ קינד, זאָל לעבנ. האשעמ־ייִסבאָרעכ זאָל געבנ, מיר זאָלנ נאָכ זוכע זײַנ אימ מעגאדל[3] צו זײַנ, לעטוירע, לעכופּע אולעמײַסימ־טױװימ!

---

[1] אישתי היקרה והאהובה — מײַנ טײַער געליבט װײַב.—
[2] עצבא עלויהימ—גאָטס א פינגער, א צײכנ פונ גאָט.—[3] אופציִענ, האָדעװענ.

כאַנעלע קרוינ! איכ האָב מיכ פריער אָנגעזען גרויס ווונדער אפ דער יאבאָשע. דאָס איז אָבער גאָרנישט קעגנ דעם, וואָס איכ האָב געזען אפנ יאַם. אפנ יאַם האָב איכ פארגעסנ אלצ, וואָס איכ האָב פריער געזען אפ דער יאבאָשע, און אצינד, בא די ווונדער אינ אמעריקע, פארגעס איכ ווײַטער דעם יאַם!

און אפ דער שיפ האָב איכ, אינ דער האסכאָלע[1], גרויס צאר און אגמאס־נעפעש געהאט; טאקע איינ־לעשאער[2]. נאָר דאָס אלצ איז אויכ געווענ לעטוייווע, און איכ גלייב, אז איכ האָב דאָס אלצ איבערגעלעבט אינ דײַנ זכוס און אינ זכוס פונ אונדזער איינציק קינד!

כאַנעלע, דו מוזט אוודע געדענקענ לייב כאַזנ, וואָס איז אמאָל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געקומענ צו אונדז אינ שטעטל ארײַנ און האָט בא אונדז געדאווענט יאָמים־נויראָים. מאָצע־יאָם־קיפער, געדענק איכ, האָסטו מיר געזאָגט, אז צײַט דו לעבסט, האָסטו נאָכ אזא דאוונענ נישט געהערט. איכ געדענק נאָכ אפילע דאָס לאָשנ, ווי דו האָסט מיר געזאָגט: לייב כאַזנ צעשרײַט זיכ ווי א לייב און צעוויינט זיכ ווי א קינד...

אפ מאָרגנ איז געוואָרנ עפּעס א מאכלויקעס אינ שטעטל. מע האָט לייב כאַזנ נישט אינ זינענ געהאט, נישט רעכט באצאָלט; און ער איז, נעבעכ, ארומגעגאנגענ אינ די הײַזער... געדענקסט, מיט א קליינ מיידעלע, גנענדל האָט זי געהייסנ. זי האָט נאָכ־געזונגענ דעם פאָטערס ניגונים מיט איר קינדיש קעלכל... אז זיי זענענ ארײַנגעקומענ צו אונדז, האָסטו אפ איר גרויס ראכמאָ־נעס באקומענ, האָסט זי גענומענ צו זיכ אפ דער שויס, געקושט אינ קאָפּ, האָסט איר עפּעס געשענקט, איכ געדענק שוינ נישט וואָס, און האָסט זיכ נאָכ צעוויינט פאר ראכמאָנעס אפ דער

---

1 אָנהייב. — 2 ניט פאָרצושטעלנ זיכ.

אָרעמער יעסוימע אָן א מאמען... דיך ווּנדערט עפשער, וואָס איך געדענק אזוי אלץ?

זײַ וויסן, כאנעלע קרוין, אז איך געדענק אלע דײַנע זיסע רייד, אלע דײַנע טנועס, וואָס האָבן טוויזנט כיין געהאט; שטענדיק שטייסטו מיר פאר די אויגן! פאָרנדיק אפן יאם, האָט זיך מיר אויך וואָס אמאָל געדאכט, אז דו שטייסט נעבן מיר, דאָס קינד האלט זיך אָן דײַן פארטעך, און איך הער דײַן קאָל און דעם קינדס קאָל, און עס קלינגט מיר אין די אויערן מיט אזא זיסקײַט, וואָס איז גאָר נישט צו באשרײַבן. —

און אצינד האָב איך מיך מיט דעם אייגענעם לייב כאזן אפן וועג געטראָפן. נישט צו זינדיקן מיט די רייד, איז דער לייב כאזן גאָר אינגאנצן אראָפּ פון וועג! גאָר, גאָר...

אפ דער שיף האָט ער נישט שטארק געקוקט, יאָ קאָשער, נישט קאָשער; טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין ייִד... איבער דער גאנצער צײַט האָב איך אים נישט געזען אין טאלעס-און-טפילן... אָדער ער זאָל בענטשן נאָכן עסן... גיין גייט ער ארום גאנצע טעג אָן א היטל... און לוי-דײַ, וואָס ער אַליין איז אזוי, פירט ער נאָך די טאָכטער אין זײַנע דראָכים... די דעמלטיקע גנענדל וועט הײַנט אלט זײַן א יאָר זיבעצן, וואָלסטו זען — א פּאָרטרעט! און ער הייסט איר, זי זאָל זינגען און טאנצן פאר די פּאסאזשירן פון שיף, און זי זינגט אפ קאמע-וועקאמע לעשוינעס[1], ראכמאָנע-ליצלאַן. לײַט הערן און פּאטשן מיט די הענט פאר נאכעס און שרײַען, דאָס גוטע-יאָר ווייסט זיי וואָס! און עס גייט צו אויסגעלאסן און פארשײַט, אז — כאלאָשעס!

צום אלעם ערשטן, וואָס זאָל איך לייקענען, האָב איך מיך מיט זיי זייער דערפרייט. פּאָרט, טראכט איך, היימישע מענטשן.

1 זייער א סאך שפראכן

איך וועל שוין נישט ארומגיין אזוי עלנט, אזוי איינער אליין. האָב איך דערנאָך אָבער געהאט גרויס שיווראס־האלעוו; איך האָב נישט געקאָנט צוזען זיין היסנאהאגוס[1] מיט דער טאָכטער. און טיילמאָל האָט מיך געשניטן אין הארץ, ווי א ייִד א באַלטפילע, וואָס פלעגט שטיין פארן אָמעד[2], זיין א שאָליעך פון קנעסעס־ייִסראָעל[3] פארן ריבוינע־שעל־אוילעם, רעדט גאָר פאָשעט ניוול־פע, אז די גאל קערט זיך איבער. און א קאָל האָט ער, איז עס דורכגעברענט פון בראנפן...

איז דאָך גוט, נעמען זיי זיך נאָך צו מיר און ווילן מיך מאכן פאר א לייט! כוויזעק מאכן זיי פון מיר אפ דער שיפ: מע הערט נישט מער נאָר: באטלען, שוטע... ער צופט מיר די פייעס, זי רייסט די ציצעס פון טאלעס־קאָטן, און די גאנצע שיפ האָט מיט מיר צו טאָן!

און וואָס פארדריסט זיי? וואָס איך בין אזוי אָפגעהיטן פון טארפעס, וואָס איך וויל בעסער פאסטן, איידער עסן פת עכו"ם[4].

דו ווייסט דאָך, אז איך האָב מיך פיינט צו קריגן, רוק איך זיך אָפ אָן א זייט, באהאלט מיך אין א ווינקעלע און וויין מיר אויס דאָס הארץ אין דער שטיל...

דער אוילעם געפינט מיך אָבער און מאכט פון מיר לייטנגעלעכטער. איך האָב געמיינט, עס איז מיין עק!

ערשט אצינד, אין אמעריקע, זע איך, אז דאָס אלץ איז געווען א גאָט־זאכ!

אז דאָס האָט מיר גאָט, מיט זיין גרויס כעסעד, אָנגעגרייט לייב כאזן מיט דער טאָכטער אין אמעריקע, ווי ער האָט אָנגעגרייט יויסעפן פאר זיינע ברידער אין מיצראַיִם.

---

1 אויסירונג. — 2 דער שטענדער אין בעסמעדרעש, בא וועלכן דער כאזן שטייט. — 3 די ייִדישע געמיינדע. — 4 פּ א ס - א ק ו מ — ניט ייִדיש עסן.

וואָרעמ, וואָס וואָלט איכ אָנ זיי געטאָנ? א מענטש אָנ לאָשנ, אָנ א מעלאָכע, נישט ווײסנדיק, ווו א טיר עפנט זיכ!

און לייב כאזנ איז דאָ א גאנצער בענ-באַיִס. ענגליש רעדט ער ווי א וואסער. טייקעפ, אזוי ווי איכ בינ נאָר געקומענ, האָט ער מיכ אריינגעפירט אינ א ציגארנ-פאבריק, אונ — איכ ארבעט אונ פארדינ שוינ!

דערווײַל וווינענ מיר אפילע אינ איינ דירע, וואָרעמ, פרעג מיכ בעכײרעמ, וויאזוי מע גייט דאָ דינגענ א דירע!

אויכ זײַנענ זיי, — טאקע גאָטס בעסער, בענעגייע צו מיר גאָר אנדערש געוואָרנ.

גנענדל מאכט שוינ נישט כויזעק אויס מײַנע באָרד אונ פייעס אונ האלט זיכ פונ מיר פונווײַטנס, ווי עס פאסט פאר א יידישע טאָכטער. זי קאָכט פאר אונדז, אונ דאָס איז זייער וויכטיק, האנגאמ קיינ פלייש עס איכ נישט, נאָר אייער, אונ טיי טרינק איכ אָנ מילכ. וואשנ וואשט זי אויכ.

פונ דעמ איז בעעמעס א מוסער ארויסצולערנענ, אז טאקע וואָס דער ריבוינע-שעל-אוילעמ טוט, טוט ער צומ גוטנ.

אונ ווייסט, וויאזוי עס האָט זיכ אלצ איבערגעדרייט צומ גוטנ? גאָר פּאָשעט: אינ דײַנ זכוס!

נאָכ אפ דער שיפ, אז איכ האָב געזענ, אז איכ וועל עס פונ זיי נישט אויסהאלטנ, האָב איכ מיר געמאכט א הארצ, אונ בינ צוגעגאנגענ צו גנענדלענ, אונ געזאָגט צו איר, אז איכ בינ דײַנ מאנ. איכ האָב זי דערמאָנט דעמ נאָכ-יאָמקיפער, ווענ זיי זײַנענ בא אונדז אינ שטוב געוועזנ, וויאזוי דו האָסט זי מעקארעוו געוועזנ, גענומענ אפ דער שויס, אונ אזוי ווײַטער...

טייקעפ-אומיאד איז זי אנדערש געוואָרנ. זי האָט אפ מיר ראכמאָנעס געקריגנ, די אויגנ זענענ איר מיט טרערנ פארלאָפנ.

זי איז באלד צוגעלאָפן צום פאָטער, און האָט מיט אים איבערגעשמועסט די זאַך, און באלד איז געוואָרן א שאָלעם.

טייקעף האָבן זיי געבעטן דעם שיפס=קאפיטאן, ער זאָל מיך הייסן בעסער באהאנדלען. און אזוי איז געווען!

איך האָב אָנגעהויבן צו באקומען ברויט, וויפל מײַן הארץ האָט געגלוסט, און טיי, וויפל איך האָב געוואָלט. די שיפס=לײַט האָבן מיך אופגעהערט צו פּײַניקן. איך האָב אָנגעהויבן אָפּצואָטעמען.

דארפסטו פארשטיין, וואָס פאר א כשוווע די גנענדל איז געווען בא די לײַט! און עס איז קיין וווּנדער נישט; ערשטנס, איז בא זיי דעריקער א יעפּאס=טויאר[1]; פאר א יעפּאס=טויאר וואָלטן זיי אין יאם אריינגעשפּרונגען; צווייטנס, איז גנענדל זייער א גוטע בעטעווע, און האָט כיין בא לײַט, דעם זיבעטן כיין!

אצינד, מײַן גאָלדן ווײַבעלע, וועל איך דיר אָנזאָגן א בסורע=טויווע[2];

לייב כאזן זאָגט מיר צו, אז איך וועל פארדינען, לעכאָל=האַפּאָכעס, ביז צען דאָלאר א וואָך.

איך רעכן זיך אזוי צו פירן: א העלפט — פינף דאָלאר, וועל איך דיר שיקן, און פינף וועל איך מיר באהאלטן. דערפון וועל איך לעבן און וועל מיר נאָך אָנזאמלען צו קויפן ש״ס; מישנײַעס=לעך האָב איך מיטגענומען. עס איז בא מיר געבליבן, איך זאָל יעדע וואָך לערנען, לעכאָל=האַפּאָכעס, צען בלאט געמאָרע. קיין טאלעס וועל איך דערווײַל נישט קויפן, ווײַל איך דאוון לעסאטע אין לייב כאזנס טאלעס... וואָרעם לייב כאזן האָט מיטגענומען א טאלעס!

---

1 א שיינהײַט. — 2 א גוטע בסורע.

צו וואָס, אפילע, ווייס איכ נישט. וואָרעמ דאוונענ דאוונט ער נישט א וואָרט!

איכ רייד מיר איינ, אז דאָס איז אויכ מינ־האשאָמאימ; מע האָט'נ געהייסנ פירנ פאר־מיינעטוועגנ א טאלעס.

אונ עפשער רעכנט ער צו דאוונענ דאָ יאָמימ־נויראָימ פארנ אָמעד? עס גייט צו יאָמימ־נויראָימ! איכ ווייס? אינ אמעריקע איז אלצ מעגלעכ! דאָ איז א פארקערטע וועלט!

אונ דער איקער — איינ דאָלאר וועל איכ באהאלטנ אונ זאמלענ, מיט האשעמ־יִתבאָרעכס הילפ, פאר דיר מיטנ קינד אפ הויצאָעס, איר זאָלט דאָ ביידע קומענ אהער. וואָרעמ איכ זע בעכוש, אז עס איז האשעמ־יִתבאָרעכס ראָצנ, איכ זאָל שוינ בלייבנ דאָ אינ אמעריקע. אונ דער ריבוינע־שעל־אוילעמ ווייסט בעסער, וואָס עס איז גוט פאר א מענטש.

ווייסט, וואָס איכ וועל דיר נאָכ זאָגנ? אז אצינד בינ איכ שוינ נישט מער אינ קאס אפ דיינ ברודער דעמ גאזלענ; ווייטער דאָס אייגענע: איכ זאָג, אז דאָס איז אויכ מינ־האשאָמאימ! אנדערש קאָנ גאָרנישט מעגלעכ זיינ, א מענטש זאָל האָבנ אזא גאזלאָניש הארצ קעגנ אנ אייגענע שוועסטער.

נאָר דאָס אלצ האָט מענ געפירט, איכ זאָל אנטלויפנ קיינ אמעריקע אונ דיכ אהער נעמענ. אונ אז גאָט וועט מיר העלפנ, איכ וועל קומענ צו עפעס געלט, וועל איכ אימ נאָכ, דעמ ברודער דיינעמ, אויכ באהילפיק זיינ. ער איז א קאפצנ, זאָג איכ דיר! איכ זע דאָכ: וואָס בא אונדז הייסט א גוויר, הייסט דאָ, אינ אמעריקע — א שלעפער!

איכ ענדיק דעמ בריוו, איכ מאכ דאָס מאָל בעקיצער, האגאמ, איכ האָב נאָכ א סאכ, א סאכ צו שרייבנ. ווייל איכ האָב מוירע, לייב כאזנ מיט גנעדלענ זאָלנ נישט אריינקומענ צו מיר אינ שטוב; איכ וויל נישט, זיי זאָלנ זענ, וואָס איכ שרייב דיר. אונ איכ בעט

דיך זייער, דו זאָלסט מיַינע בריוו נישט ווייַזן קיין שום בענ־אָדאָם! וואָס דארף א פרעמדער וויסן, וואָס בא אונדז קומט פאָר?

און איך האלדז און קוש דאָס קינד, זאָל לעבן! גיב אים אויך אפ מיַין כעזשבן צען טויזנט הייסע קוש, — הערסט?

פון מיר דיַין מאַן

ש מ ו ע ל־מ ו י ש ע.

דריטער בריוו

אישתי האהובה.

איך געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אז יויכענעס שוסטער איז אוועק פון אונדז קיין אמעריקע, האָט מען אָנגעהויבן שטארק וועגן אמעריקע צו שמועסן; וויאזוי מע פירט זיך דאָרט, ווי עס גייט צו.

מע האָט געפרעגט, אויב מע גייט דאָרט נישט אפן קאָפּ. און, עמעס איז, אז דאָ איז א פארקערטע וועלט! קיין שום סייַדער; בלויז קוילעס מיט געוואלדן, ווי בא אונדז אין קאצאָווישן מיניען!

שטעל דיר פאָר, אז בא אונדז, לעמאָשל, זאָל קומען פּאלטיעל דער וואטנמאכער און יאָסל דער גארבער און זאָגן, אז דער ראָוו אונדזערער איז נישט קיין לאמדן; ווייס איך, אז ער איז נישט באָקי אין גיטן־אוקדושנ[1]; אָדער גאָר, אז זיי געפעלט נישט דער ראָש־האקאָהאָל! האקלאל — זיי ווילן אן אנדערן ראָוו. צי אן

---

1 גיט געניט אין די טאלמודישע געזעצן פון פאמיליען־רעכט.

אנדערן ראָש=האקאָהאָל! נו, נו, וואָלט מען זיך נישט געהאלטן בא די זייטן?

און דאָ, אין אמעריקע, האָבן ארבעטער, ציגארן=שניידער, אזוינע ווי איך, אין אלעמן א דייע! — זיי מאכן מיט בא דער קאלפי[1], מישן זיך בא די בוירערים[2], און טרעפ, וואָס זיי קלייבן אויס? — א פרעזידענט!

און וואָס, מיינסטו, איז א פרעזידענט?

א פרעזידענט איז, נישט מער, נישט ווייניקער, ווי א ראָש=ווערישן[3] איבער דער גאנצער מעדינע! און, ווי איך האָב דאָ געהערט, איז אמעריקע צען מאָל אזוי גרויס ווי גאנץ אייראָפּע! פארשטייסט אן אייסעק? הייגט שטעל דיר פאָר מיין שרעק, אז איך זיץ מיר אזוי נעכטן באנאכט אין שטוב, האָב אין זינען די היים, און מיטאמאָל עפנט זיך די טיר און עס קומען אריין צוויי ארבעטער, פּאָשעטע ארבעטער, וואָס שטייען מיט מיר בא איין מאשין, — אכיינו=בניי=יִסראָעל[4]! און זיי לייגן מיר פאָר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אפילע נישט וואָס פארא נעמען, און זאָגן מיר, אז איך בין אויך אן ארבעטער און מוז זען, מע זאָל אויסקלייבן א פרעזידענט, וואָס זאָל זיין גוט פאר אונדזער קלאס.

און זיי דערציילן מיר, אז איין פרעזידענט האלט פאר די רייכע לייט, און טרעט מיט די פיס די אלע, וואָס לעבן פון זייערע צען פינגער; און דער צווייטער, טאקע דער, וואָס זיי ווילן אויסקלייבן, איז גאָר א דימענט; ער האלט שטאָל=און=אייזן פאר ארבעטער, און די גראָבע בייכער רוידעפט ער מיט א שרעקלעכער סינע! און נאָך אזעלכע נארישקייטן, וואָס איך האָב שוין גאָרנישט פארשטאנען.

1 בא די וואלן. — 2 דאָ: ווילער. — 3 דער הויפּט. — 4 אונדזערע ברידער יידן.

אין הארץ האָב איך זייער געלאכט, נאָר פון שאָלעם וועגן, — עס פאסט דאָך נישט מעוויַיעש[1] צו זיַין קיין מענטשן, — האָב איך זיי געטאָן די טויווע און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אף יאָ!

אגעוו, האָב איך טאקע געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער ארויס פון שטוב, איך זאָל מיך שוין קאָנען זעצן שריַיבן צו דיר דעם בריוו. נו, זאָג אליין, איז דאָס נישט א מעשוגאַס?

נאָך זייערע רייד נאָך קומט אויס, אז עס וועט ווערן פּרעזי־דענט דער, וואָס זיי ווילן, וועל איך פארדינען צען דאָלאר, און, כאַס־וועשאָלעם, ווערט אן אנדערער פּרעזידענט, וועל איך פאר־דינען נאָר ניַין, און עפּשער אכט!

און לייב כאזן זאָגט, אז ער פארשטייט די פּאָליטיק! אז אין דעם שטעקט א סייכל! און אז איך וועל דאָ זיַין, זאָגט ער, א לענגערע ציַיט, וועל איך קריגן א יעדיִע אין פּאָליטיק. מיילע, זאָל זיַין אזוי, שאָקל איך אים אויך צו מיטן קאָפּ. טראכט איך מיר: נכנס יין יצא שטות[2] — האָט גענומען אן איבעריקן טראָפּן, רעדט ער פון וועג! האָט ער מיר אָבער געשווירן, אז בעשאָס קאלפּי, לעבט ער דערפון און עס בליַיבט אים נאָך וועלכער גראָשן אף שפּעטער; פארשטיי איך טאקע נישט, וויִאזוי!

נאָר אלע נארישקיַיטן אוועקגעלייגט: נישט אונדזער זאך! זאָל זיַין דער, זאָל זיַין יענער פּרעזידענט, פון דעם וועט אונ־דזער מאזל נישט אופּשיַינען.

די מיַיסע איז, אז גאנץ אָפּט פאל איך אריַין אין א מאָרע־שכוירע, און די טרערן קאפּען מיר פון די אויגן אף די ציגארן־בלעטער, וואָס איך שניַיד; און באנאכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דארף צו זיַין!

---

1 פארשעמען. — 2 נ י כ נ א ס י א ִ י ן י אָ צ אָ ש ט ו ס — גענומען א ביסל וויַין, רעדט מען נארישקיַיט.

טיילמאָל הייבט מיר אָנ קלינגענ אינ די אויערנ! גאנצע טעג האָב איכ קאָפּווייטעק... אונ צו דעמ אלעמ איז קיינ בעסערע רעפּוע נישטאָ, נאָר צו נעמענ פּאַפּיר, טינט אונ פעדער, אונ צו שרײַבנ א בריוועלע צו מײַנ גאָלדענער כאנע.

מײַנ טײַערע ווײַבעלע! איכ קאָנ פונ דיר קיינ זאכ נישט האלטנ בעסאָד. איכ מוז דיר אלצ דערציילנ: איכ לערנ נאָכ דערווײַל מישנײַעס; קיינ ש"ם האָב איכ נאָכ נישט געקויפט! אונ ווייסטו פארוואָס? ווײַל איכ האָב געמוזט מאכנ גאָר אנ אנדער הויצאָע.

זײַ וויסנ, מײַנ גאָלדענע כאנע, אז אומעטומ איז איינ וועלט. האגאמ מע שרײַט דאָ אלצ איניינעמ: פרײַהײַט, פרײַהײַט, איז דאָס אלצ ווערט א ציבעלע! מע האָט דאָ אויכ פײַנט א ייִד! דאַ איז מענ עפּשער נאָכ מער מעוואזע[1] דעמ צעלעמ-עלויהימ[2] פונ א ייִד! הינט, וואָס זאָלנ ארומלויפנ אינ די גאסנ, זאָלנ בילנ אונ רײַסנ ייִדישע פּאָלעס, איז נישטאָ, אָבער קיינ לאָבוסעס פעלנ דאַ אויכ נישט. קוימ דערזענ זיי א קאפּאָטע, ווערט א געשריי: „דזשו, דזשו!" אפ זייער לאָשנ איז עס פונקט דאָס אייגענע וואָס בא אונדז „זשיד". אונ זיי ווארפנ נאָכ שטיינער אונ בלאָטע; בלאָטע פעלט דאָ אויכ נישט, באָרעכ-האשעמ! וואָס האָב איכ געזאָלט מאכנ? האָב איכ געטאָנ דאָס זעלבע, וואָס אלע ייִדנ טוענ דאָ. איכ האָב ארונטערגעמאכט די פּייעס הינטער די אויערנ, האָב מיר געקויפט אפ אויסצאָלנ ראטעסווײַז (אזא מינהעג איז דאָ), דײַטשישע בגאָדימ, — האָסטו אנ עק פונ געלט, אונ אויכ דו, כאנעלע, אז דו ווערסט, אימ-ייִרצע-האשעמ, קומענ, ווערסטו דיר

1 מע פארשעמט. — 2 די געטלעכע געשטאלט; דאָ געמיינט: די מענטשלעכע ווירדע.

איך מוזן מאכן אנדערע קליידער! וואָרעם א מינהעג איז מעוואטל א דינ. אונ דאָ איז מענ זיך אזוי נויהעג[1]!

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז גנענדל געפעלט דיר נישט, פאַרשטיי איך נישט פארוואָס? וואָס דו האָסט דאָ צו איר? אויך בינ איך נישט מעכױיעוו די וועלט מאכזיר־לעמויטעוו[2] צו זײַנ, כוץ דעם, בינ איך זיכער, אז זי טוט דאָס אלץ דער ביטערער פּאַרנאָסע צוליב! בעטעווע איז זי אזא קאָשערע נעשאָמע, ווי אלע יידישע טעכטער. א גאנצנ טאָג, אז איך מיט לייב כאזנ זענענ מיר אינ פאבריק, קאָכט זי אונ וואשט אונ קערט די שטוב. אָוונט־צײַט גייט זי ערשט, צוזאמענ מיטנ פאָטער, אינ זייערע ערטער, ווו זי זינגט אונ שפּילט, אונ טאנצט פארנ אוילעם. איך זיצ מיר אינ דער היים, לערנ טוירע אונ שרײַב צו דיר. קעגנ האלבער נאכט קומענ זיי, טרינקענ מיר צוזאמענ טיי אונ מע גייט שלאָפנ.

אונ דאָס, וואָס דו שרײַבסט, אז דיר דאכט זיך, אז גנענדל האָט דאָס גענוזט צוגאנווענענ דעם לעפל, וואָס האָט אונדז דעמלט געפעלט, דאָס איז שוינ גאָר קיינ ווערטער נישט!

גנענדל איז עפּשער נישט אזוי פרום אינ עמונע־זאכנ. אָבער אזוי, א פרעמדנס, כאס־וועשאָלעם, וועט זי נישט רירנ! אונ, כאָלילע־וועכאָלילע, זי זאָל זיך דערפונ נישט דערוויסנ! זי באהאנדלט מיך מאמעש ווי אנ אייגנ קינד; פרעגט מיך אלעמאָל, צי איך ברויך נישט א ווײַס העמד, צי וויל איך נישט נאָך א גלאָז טיי!

אונ בעעמעס איז זי א וווויל קינד. אלץ, וואָס זי פארדינט, גיט זי אוועק דעם פאָטער. הײַנט וואָלסט זענ, ווי זי האלט אימ בעקאָוועד, האגאָמ ער איז עס נישט ווערט! כאָטש ער קומט

---

1 מע פירט זיך אופ. — 2 אויסבעסערנ.

אַמאָל אהיימ פריילעכ, גאָר פריילעכ און רעדט פאר פייַער, פאר וואסער!

אויכ האָט מיר לייב כאַזנ בעפיירעש געזאָגט, אַז ער זאמלט איר נאדנ, און קומט ער צומ ערשטנ טויזנטער, זוכט ער איר אויס א כאָסנ און פירט זי אונטער דער כופּע קעדאַס-מוישע-ווע-יִסראַעל[1]! און זי וועט זיכ שוינ נישט רייַסנ דעמ האלדז פאר א פרעמדנ אוילעמ! איכ ווייס נישט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאָר — האלעוויי! זאָל אימ גאָט העלפנ, ער זאָל עס דערגרייכנ; זאָל זי אוועקוואַרפנ די מיִעסע פּאַרנאָסע.

גנענדל איז אפילע דערבייַ געוועזנ, און זי האָט זיכ גערויטלט פאר בושע, ווי עס פּאַסט פאר אַנ עמועס יִדישע טאָכטער; אַפּאָנעמ, זי איז אויכ מאַסקימ.

בעט איכ דיכ דעריבער זייער, מייַנ ליבע כאַנעלע, דו זאָלסט זיכ דערווייַטערנ פונ לאָשנ-האָרע און רעכילעס. דאָס איז גאָר קיינ מינהעג נישט, קיינ יוישער נישט; דאָס פּאַסט פאר קליינ-שטעטלדיקע ווייַבער, און דו, גאָלדענע כאַנעשי, דאַרפסט קומענ אינ אמעריקע. דאָ זענענ די ווייַבער גאָר אנדערש; געזעצטער, ערנסטער און — פאַרנומענע מענטשנ, ווי די מאַנצבלענ.

און, צוריק געשמועסט, איז דייַנ שמועל-מוישע קיינ שנייַדער נישט, קיינ שוסטער נישט, ער זאָל אוועקוואַרפנ א ווייַב פאר אַנ אנדערע וועגנ. דו טאָרסט עס גאָרנישט טראַכטנ! דאָס איז פאר מיר גלאַט א כילעל-האַקאָוועד[2]! און זייַ וויסנ, אַז דייַנע רייד שטעכנ מיר ווי מיט מעסער; און לייב כאַזנ מיט דער טאָכטער זאָלנ זיכ דאָס דערוויסנ, וואָלטנ זיי מיכ פאַרלאָזט. איכ וואָלט געבליבנ איינער אליינ, ווי אינ א מידבער, עס וואָלט א פאַל געוועזנ אומצוקומענ, וואָרעמ דאָס לאָשנ קאָנ איכ נאָכ

1 לויטנ יִדישנ רעליגיעזנ געזעצ. — 2 פאַרשוועכונג פונעמ קאָוועד.

נישט, קוים איינציקע ווערטער, און וויים נאָך נישט, ווּ אוים און ווּ אײַן.

און אצינדערט בעט איך דיך, און בעט דיך זייער, מײַן ליבע כאנע, זאָלסט נעמען דאָס קינד באַם הענטל און זאָלסט מיטן הענטל איבערגיין אפן פּאפּיר, ער זאָל מיר עפּעס צושרײַבן; לאָמיך פון אים זען כאָטש א צוראס-אָס[1]! ריבוינע-שעל-אוילעם, וויפל מאָל שטעל איך מיך אוועק אָן א זײַט, איינער אליין אין א ווינקעלע, און וויין מיך גאנץ גוט אוים! און אפ וואָס וויין איך? אפ דעם, וואָס איך בין נישט זוּיכע צו לערנען מיט מײַן קינד טוירע! האָב איך ווייניק הארצווייטעק דערפון, קומען נאָך די בריוו דײַנע און שיטן מיר זאלץ אפ די ווּנדן. אָט, הײַנט האָט מיך לייב כאזן געבעטן, און גנענדל, דאָ הייסט זי סאָפיע, האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איך זאָל גיין מיט זיי הערן, ווי זי זינגט, און זען, ווי זי טאנצט, און איך האָב נישט געוואָלט; האָט לייב כאזן ווײַטער געזאָגט: נארישער כאָסיד, זי האָט פאר-צויגן מיטן נעזל; נאָר מײַן דײַגע! איך וועל מיר גיין אין מײַן דערעך און וועל נישט אראָפּ אפ א האָר!

בלײַב געזונט, דו און אונדזער קינד, ווי עס ווינטשט דיר דײַן מאן

שמועל-מוישע.

זע, לעמאן-האשעם, די זאכ וועגן די קליידער זאָל בלײַבן בע-סאָד. עס זאָל דערפון, בא אונדז אין שטעטל, קיין יעלוד-איש[2] נישט וויסן, איך וואָלט מיך געשעמט די אויגן אופצוהייבן.

בעלך שמועל-מוישע הנ״ל.

---

1 דאָס אויסזען פון אן אָס, דאָ: אן אָס. — 2 א מענטשן-קינד.

פערטער בריוו

אל אישתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אינ צענ בריוו האָב איכ גנענדלס נאָמענ נישט געברענגט איבערנ מויל. איכ האָב אפילע דעמ פאָטער אירנ, לייב כאזנ, נישט דערמאָנט. מיט גרויס מי האָב איכ מיר געדונגענ אנ אנדערע דירע, בא א היגנ שויכעט, אונ האָב זיי שוינ קאמע וואָכנ נישט געזענ. אונ דו הערסט נאָכ אלצ נישט אופ צו שרייַבנ גנענדל אונ גנענדל, אונ סאָפיע אונ סאָפיע! אונ וואָס ווילסטו פונ איר? וואָס? א י כ זאָל אזוי געזונט זייַנ, מירביידע זאָלנ אזוי געזונט זייַנ, אויכ זאָלנ מיר אזוי זויכע זייַנ צו זענ זיכ, צוזאמענ מיטנ קינד אינ פריידנ, ווי איכ האָב אליינ געזענ, ווי סאָפיע איז אריַינגעקומענ צומ פאָטער אינ פאבריק, אונ עס איז צו איר צוגעגאנגענ דער דירעקטאָר אליינ אונ האָט אָנגעהויבנ מיט איר צו ריידנ, כיינדלעכ צו מאכנ; אונ, האנאט איכ האָב נישט פארשטאנענ, וואָס ער רעדט צו איר, ווייס איכ דאָכ, אז ער האָט געמיינט נישט קיינ מיצוועס אונ מייַסים-טויווימ, אונ האָט זי נאָכ געוואָלט אָנעמענ בא א באק. נו, וואָס קלערסטו? איכ בינ ניוול-וועלישטוימעמ[1] געוואָרנ, אזא פאטש האָט זי אימ דערלאנגט איבער דער האנט! אונ, האָסט נאָכ געוואָלט זענ, מיט וואָס פאר א גייַוועע זי האָט זיכ פונ אימ איבערגעדרייט אונ אוועקגעגאנגענ. איכ האָב מיכ פאָשעט מעכייַע געוועזנ...

זעסטו דאָכ בעכויש, אז נאָכ אלע זאכנ איז גנענדל א קאָשער קינד, אונ דו ביסט אפ איר מוציא לעז בחינם[2]. דו שרייַבסט, אז זי וויל מיכ אריַינכאפּנ ווי א פיש אינ א נעצ אריַינ, אונ נאָכ

---

1 שטארק פארוונדערט. — 2 מוציא לאז בחינם — ריידנ רעכילעס אומזיסט.

אזעלכע נארישקייטן, — שווערן קאָן איך דיר, יאַמקיפּער באַ א סייפער-טוירע, אז עס איז שעקער. און דאָס דיר צוליב דער-ווייטער איך מיך פון איר, מייד זי אוים ווי ווייט מעגלעך איז. טרעפט מען זיך, ענטפער איך איר אפ הונדערטער ווערטער מיט א שאָקל מיטן קאָפּ. און ווייטער דאָס זעלבע: באמונה שלי[1], אז דו ביסט זי כוישעד גאָר אומזיסט; דו זינדיקסט, כאס-וועשאָ-לעם, פאר גאָט! נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, איך וואָלט עס, ווי אלע מאָל, פארשוויגן, איז אָבער דערפון ארויסגעקומען א מייסע, וואָס — גאָט זאָל שוימער-אומאצל זיין! איך וואָלט בעסער געוואָלט, די ערד זאָל מיך איינשלינגען, איידער אזא בושע!

בא דער ארבעט איז מיר איינמאָל, יענע וואָך, נישט גוט געוואָרן; עפּעס האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען פאר די אויגן. איך האָב אָנגעהויבן כאלעשן. אז איך בין צו מיר געקומען, בין איך שוין געלעגן בא מיר אין שטוב אפן בעט. באם בעט איז געשטאנען א דאָקטאָר. געזאָגט האָט ער, אז עס איז א פיבער, — אזוי רופט מען דאָ קאדאָכעס. אָפּגעלעגן בין איך א טאָג צען. און איבער דער גאנצער צייט איז לייב כאזן נישט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט און האָט מיך געראטעוועט ווי אן אייגן קינד. שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אז, ווען איך בין געלעגן אין היץ, פלעגט סאָפיע אויך קומען מיך מעוואקער-כוילע זיין... און פונקט דעמלט איז איינמאָל אָנגעקומען דיינס א קארטל, אין וועלכן דו האָסט אויסגעגאָסן דיין ביטער הארץ אפ דער אומ-שולדיקער סאָפיע... זיי האָבן אוואדע און אוואדע די קארטע געלייענט, וואָרעם איך בין דאָך געלעגן אין דער היץ...

און ווען דו האָסט געשריבן דיינע מוּעסע רייד, דיינע זיל-

[1] בעעמונאָ שעלי — מעגסט מיר גלייבן.

זולים[1], די בילבולימ דײַנע, האָבנ זיי דאָ פאַר מיר קימאַט דאָס לעבנ געשטערט... געדופנ דאָקטוירימ, געבעט אונ איבערגעבעטנ, רעפועס דערלאַנגט אונ עטלעכע אייגענע כפייצימ פאַרזעצט, עס זאָל זײַנ מיט וואָס צו ראַטעווענ, א פלאַש ווײַנ אפילע האָבנ זיי מיר געבראַכט. איכ האָב זי אפילע נישט אָנגערירט מיטנ מויל: עמעס נעסעכ[2]! נאָר זײַנ מיינ איז דאָכ גוט געווענ... אכיצ דעמ, פלעגנ זיי מיר דרײַ מאָל אינ טאָג מעסטנ מיט א גלעזערנ רערל די היצ, אזוי הייסנ דאָ די דאָקטוירימ... אונ ווער האָט מיר דאָס אלצ דערציילט? טאַקע דער שויכעט מיטנ ווײַב; זיי האָבנ מיר דאָס אלצ דערציילט. ווענ נישט לייב כאַזנ אונ סאָפיע, וואָלטנ שוינ הײַנט, כאַס-וועשאָלעמ, אנ אלמאָנע געווענ! שרײַבסטו אינ דער אייגענער צײַט אזוינע נאַרישע האַוואָלימ[3]. פע, א כאַרפע אונ א שאַנד! איכ ווייס גאָרנישט, ווי דו וועסט קאָנענ קומענ קיינ אמעריקע, ווי דו וועסט גאָר קאָנענ זײַנ אינ אמעריקע!

איכ האָפ, מײַנ ליבע כאַנעלע, אז דו וועסט אוועקוואַרפנ די נאַרישקײַטנ אונ פונ הײַנט מאָל אָנ וועסטו מיר שוינ דאָס לעבנ מיט אזוינע בריוו נישט פאַרביטערנ.

אָפט שלאָפ איכ נישט באַנאַכט. דאַכט זיכ מיר דעמלט, אז איכ זע בעכויש, ווי דו זיצסט דאָרט באַמ טיש אונ שרײַבסט צו מיר א בריוו. דו שרײַבסט אונ מעקסט, שרײַבסט אונ מעקסט, אונ איכ זע דעמ בריוו, אָבער פונוויײַטנ דערקענ איכ נישט די אויסיעס, אונ איכ האָב גרויס צאַר דערפונ, וואָס איכ קאָנ דעמ בריוו פונדערווײַטנ נישט לייענענ, אונ דו נעמסט די פעדער,

---

[1] זידלערײַענ. — [2] נעסעכ (נסך) — ווײַנ, אויסגעאַרבעט ניט פונ קיינ יידנ; לויטנ יידישנ רעליגיעזנ געזעצ, איז אזא ווײַנ פאַרבאָטנ צו טרינקענ. — [3] פוסטע רייד, פוסטע זאַכנ.

לייגסט זי דעם קינד אינ׳ העענטל אריַינ, — אפ דער שוים ארופ האָסטו עס געמומענ, — אונ פירסט מיט זיַינ העענטל!

אונ דו זעסט, מיַינ ליִב ווײַב, אז איכ שיק דיר וואָכ בא וואָכ פינפ דאַלאר; אז איכ קום אוים מיט אזוי ווייניק. אונ אינגאנצנ האָב איכ נישט מער, ווי דריַי העמדער; וואָרעם בעטנ סאָפּיענ, זי זאָל מיר קויפנ, קאָנ איכ נישט. אונ די שויכעטקע איז יוילע־דעס[1] אונ גייט נאָכ פונ בעט נישט אראָפּ, אונ מאָרגנ וועט זיַינ, אימ־יִרצע־האשעם, דער ברים מיט מאזל...

יאָ...̈ נישט דאָס אָבער מיינ איכ, דער איקער איז — זיַי א מענטש, פאר זיכ אונ פאר מיר, דיַינ מאנ,

שמועל־מוישע.

א צושריפט אינ דער זיַיט איבער די גאנצער לענג פונ בריוו:

די מינוט באקום איכ פונ דיר ווידער א בריוו. אצינד, מיַינ כאנעלע, זאָג איכ דיר שוינ בעפיירעש אונ ביפרויטרויט[2], אז דאָס איז א פּאַשעטער שיגאָענ, ראכמאָנע־ליצלאנ! טאקע, ווי מע זאָגט, מויל אונ אויערנ אופצושטעלנ, אפ ווונדער צו לויפנ! דו שריַיבסט, אז דו קאָנסט דיר אויכ לאָזנ וואקסנ צעפּ אונ ריידנ מיט פּרי־צים, אז דו קאָנסט אויכ זינגענ אונ טאנצנ — אונ, אז דו וועסט צופוס אוועקגיינ צום רעבנ אונ אָפּגעבנ א קוויטל, ער זאָל שיקנ א מיסע־מעשונע אפ מיר אונ אפ זיי — — —

וואָס שריַיבסטו? וואָס איז עס פאר דיבורים?

ריבוינע־שעל־אוילעם, וואָס איז מיט דיר געוואָרנ?

איכ קלער אונ קלער, אונ ווייס שוינ נישט וואָס צו קלערנ! איכ זאָג דיר מיַינ אייצע: זאָלסט אוועקוואַרפנ דיַינ לאָשנ־האָרע, מיטנ רעכילעס, מיט די קלאָלעס! עס פּאסט נישט פאר דיר! אונ

---

1 א געווינערנ, א קימפּעטאָרנ. — 2 אויספירלעכ.

איך זאָג דיר, בעלי־ניידער אובעלי־מאסקאָנאָ[1], אז בעיִנט[2] דו וועסט מיר נישט גיך אונ באלד שרײַבנ א בריוו, ווי א קאָשער יִדיש ווײַבל דארפ שרײַבנ, וועל איך דיר פּאָשעט נישט ענטפערנ; איך וועל שיקנ א שאַלַיִעכ־מעיוכעד[3] נאָכנ קינד אָנ דיר... הערסט? אז נישט... וועל איך מיך ווארפנ אינ יאַם ארײַנ!.. עס איז א פאל, כאס־וועשאָלעם, מעשוגע צו ווערנ!

דײַנ מאַנ, הנ״ל.

ג

צווײ בריוו, וואָס כאנע האָט באקומענ פונ איר קרוווע פונ לובלינ אונ פונ איר ברודער.

ערשטער בריוו

ידידתי, שארת בשרי[4], האישה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליבע כאנע! דו ביסט געוועזנ א גאנצער נאר אונ א האלבער נאָווי, אז דו האָסט מיר געשיקט א צווייטנ בריוו! וואָרעמ דער ערשטער בריוו איז ארײַנגעפאלנ מײַנ זוילעל־וועסויוועס[5] אינ דער האנט ארײַנ; ער האָט אימ ארײַנגעלייגט צו זיך אינ קעשענע, אונ, באָרעכ־האשעמ, פארגעסנ אָפּצוגעבנ! אזוי איז זײַנ שטייער, אכוצ פרעסנ אונ זויפנ ליגט אימ גאָרנישט אינ זינענ. נאָר אז איך האָב באקומענ דעמ צווייטנ בריוו, איז מיר באלד אײַנ=

---

1 געמיינט: אָנ א שווע. — 2 אויב, טאָמער. — 3 א ספּעציעלער שאָליִעכ. — 4 י ע ד י ד אָ ס י, ש ע י ר א ס ב ס אָ ר י — מײַנ פרײַנדנ. מײַנ קרוווע. — 5 פרעסער אונ זויפער.

געפאַלן צו זוכן בא אים אין קעשענע. און אז מע זוכט, געפינט מען.

כאַנעלע קרוין! לעזנדיק דײַנע צוויי ביטערע בריוו, האָב איך געמיינט, אז מע שלאָגט מיך מיט א האַק אין קאָפּ ארײַן. פאַר גרוים צאַר האָב איך נישט געוווּסט, ווּ איך בין אין דער וועלט. טייקעף־אומ׳ויאַד האָב איך מיך אָבער באַרוּ׳קט. איך האָב מיר אזוי געטראַכט: לעמאָשל, ווען מײַן מעשוגענער מאַן וואָלט געוואָלט אויקער זײַן[1] קיין אמעריקע — נו? וואָלט איך דאָך מיר געמאַכט סודאָס־פּורים, געלאָזט זיך קלעזמער שפּילן!

וואָרעם באַרעכן: די גאַנצע פּאַרנאָסע מײַנע איז, ווי דו ווייסט, פון פּעסל סמאָלע. דאַרף איך, באָרעכ־האַשעם, נישט זײַן לאַסקע. בעמיילע, קאָן איך גאָר נישט פאַרטראָגן זײַנע טנו־עס און האַוויײַעס, אז ער קומט צו מיר אין געוועלב ארײַן.

א י׳דענע, ענטפערט ער נישט, דער כאָסיד! נעמט נישט אויס דער האַנט! און, זאָגט ער אמאָל א קוינע א מאַנצבל א מעקעך, איז עס טאַקע אונטערן קערן! נעמט ער געלט, נאַרט מען אים ארײַן פאַלשע און אָפּגעריבענע מאַטבייעס! טוט ער מיר שוין די טויווע און נעמט א שטיקל קרײַד אין האַנט ארײַן און מאַכט א כעזשבן, איז עס א כעזשבן! זאָל מען מיר אזוי רעכענען מײַנע זינד אף יענער וועלט, ווי ער באַרעכנט מײַן סכוירע!

און דאָס, וואָס דײַן מאַן האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיין געט, איז מיר גאָר קיין גרוים ווּנדער נישט; וואָרעם מײַן מאַן, דער מעשוגענער, לעקט בא מיר נישט קיין האָניק, וויל מיר אויך קיין געט נישט געבן! און צו וואָס זאָל ער מיר געבן א געט? עס פעלט אים עפּעס בא מיר? ער האָט זיך זײַנע פײַנע דירע; קומט ער

1 אויסוואַנדערן, אַנטלויפן.

אהיימ, איז גרייט א ווארמעס, דאָס בעט איז געבעט צו דער צײַט, מישאבעס־לעשאבעס[1] — א ווײַס קלאָר העמד. פיל מאָל איכ בעט אימ מיט גוטנ, ער זאָל גיינ צו אלדי רוכעס, אונ ער — גאָרנישט! ער זאָל זיכ עס א ריר טאָנ! אונ אז איכ שילט אימ אָדער ווארפ אימ עפּעס אינ קאָפּ ארײַנ, רוקט ער זיכ אָפּ אינ א ווינקל, מאכט א ראכמאָנעס־פּאָנעמ, נעמט נאָכ אמאָל מאַימ[2] אפ די איינאַימ[3]; אונ איכ נאר קריג אפ'נ ראכמאָנעס! גיב אימ נאָכ עסנ אונ טרינקענ, אונ ער גייט זיכ אוועק!

אונ וואָס דו שרײַבסט מיר וועגנ דײַנ מישפּעט, זײַ וויסנ, שוועסטער כאנע, אז איכ האָב דאָ אנ אדוואָקאט גאָר א מעפורסעמ, וואָרעמ, צו מײַנ בייז מאזל, האָב איכ אלצ אינײנעמ ספראוועס מיט די קעכנס די כצופּעס; הערסטו, כאנעלע, אזעלכע דינסטנ, ווי מיר האָבנ דאָ אינ לובלינ, איז אפ דער וועלט נישטאָ! וואָס זאָל איכ דיר זאָגנ — פרעסערקעס אונ זויפערקעס, גאנווענענ מיט די אויגנ, אנטלויפנ נאָכ פארנ קווארטל; אונ גיבנ מיכ נאָכ אינ סאָנד ארײַנ, איכ זאָל זיי באצאָלנ פאר א קווארטל! אונ אינ סאָנד איז הײַנטיקע צײַטנ, ראכמאָנע־ליצלאנ, קיינ כילעק נישט צווישנ א דינסט אונ א באלעבאָסטע, אונ איכ מוז שטיינ מיט איר אינ איינ שורע! איכ טאָר אפילע א מויל נישט עפענענ, א וואָרט נישט ריידנ, וואָרעמ באלד גיט דער סודיא א קלונג מיטנ גלעקל אונ פארשרײַבט שטראָפ ביז דרײַ רובל. דעריבער גיי איכ טאקע נישט אליינ אינ סאָנד ארײַנ, אונ האָב מיר אויסגעזוכט א גוטנ אדוואָקאט, א מויל — שוועבל אונ פּעכ, אונ ער פירט מיר שוינ אוימ די זאכ, ווי עס געהער צו זײַנ. ער האָט מיר אליינ געזאָגט, אז דער סודיא האָט מיכ שוינ וויפל מאָל געוואָלט אײַנישעונ[4] פאר א בילבל, פארוואָס איכ רײַס א דינסט

1 געמיינט: אלע שאבעס. — 2 וואסער. — 3 אויגנ. — 4 אײַנזעצנ.

בא די האָר, אָדער אזוי פאר א מאטנאס-יאַר[1]! קאָנ ער אָבער
נישט, וואָרעמ דער אדוואָקאט מײַנער האָט בא זיכ אלע סאָנ-
דאָווע ביכער[2], ווייסט אלע, אָבער טאקע אלע זאקאָנעס, אונ
קלײַבט אויס פאַר-מײַנעטוועגנ די בעסטע זאקאָנעס, אונ שטעכט
אימ דערמיט די אויגנ אויס, אונ ער בלײַבט זיצנ ווי א גוילעמ —
וויל יאָ, וויל נישט, שרײַבנ מוז ער: פּאָטער, פּאָטער!

אונ טייקעפ-אומ:יאַד,—אז איכ האָב דײַנ בריוו באקומענ אונ
האָב דעמ פּר:ערדיקנ געפונענ באמ באטלענ מײַנעמ אינ קעשע-
נע — בינ איכ געלאָפנ צומ אדוואָקאט, אונ ער האָט מיכ אופ-
גענומענ מיט גרויס קאָוועד, טאקע בא זיכ אינ פײַנעמ קאבינעט,
אונ האָט מיכ געבעטנ זיצנ אפ דער פּלושענער סאָפע.

איכ האָב אימ דערציילט דײַנ גאנצ אייסעק, פונ אלעפ ביז
טאָוו, טאקע ביז אפ דער האָר; אונ ער האָט אלצדינג געלאסנ
אויסגעהערט, האגאמ דאָס פּאָרצימער איז געווענ פול אונ פול
מיט מענטשנ. ער האָט אויסגעהערט אונ איז זיכ ארומגעגאנגענ
אינ זאל אופ אונ אָפּ.

דערנאָכ האָט ער אָפּגעזיפצט אונ געזאָגט, אז לויט די זאקאָ-
נעס, האָט א טאָכטער דעמ אייגענעמ דינ, וואָס א זונ, אונ קריגט
א גלײַכ בײַלעק יערושע ווי ער. איז דאָכ, דאכט זיכ, גוט? איז
אָבער פאראנ א שלעכטער פּונקט, אז א ווײַב קאָנ נישט מאָנענ
אינ סאָנר אָנ דעמ מאנס יעדיִע. זי איז אינ זײַנ רעשום אונ מוז
האָבנ זײַנ פּלעניפּאָטענציע[3]...

אונ אז איכ האָב אימ געזאָגט, אז דו ביסט, לוי-אלייכעמ, אנ
אגונע, אז דער מאנ דײַנער האָט דיכ אוועקגעוואָרפנ, אונ דו
מענסט, לויט מײַנ סייכל, טאָנ אלצ, וואָס דו ווילסט, האָט ער

1 דאָ געמיינט: א פּאטש, א קלאַפּ. — 2 געמיינט: געזעצ-ביכער, קאָדעקסנ. —
3 פולמאכט.

זיך מיר געשטעלט קעגנ'בער און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט, לוי מיט אַן אלעף[1] — הייסט עס!

און טייקעף איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, האָט זי גע־עפנט, און אַרויסגענומען אַ בוך, נאָך אַ בוך; אַרײַנגעקוקט און אָוועקגעלייגט, אַרײַנגעקוקט און אָוועקגעלייגט, און דורכגע־וואָרפן אַזוי קאַמע־וועקאַמע ביכער, קליינע און גרויסע און נאָך גרעסערע; איינער איז געווען אַ גראָבער, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווי אַ דאָווער־אַכער, און דאָרט, אַפּאַנעם, האָט ער געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, וואָרעם ער האָט געקוקט און געקוקט.

און דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז אויב עס וועט פאַרבײַגיין פינף יאָר, זײַט דײַן מאַן איז אַנטלאָפן, און דו וועסט ברענגען אַ פאַפּיר פון וואָיט פון דײַן שטאָט, אַז אין די גאַנצע פינף יאָר האָט זיך דײַן מאַן נישט געוויזן, וועט ער, דער אַדוואָקאַט, אײַנגעבן פאַר דיר אַ פּראָזשבע אין סאָנד אַרײַן, און דער סאָנד וועט דיר געבן רעשוס צו פּראָצעסירן אָן דעם מאַן.

אַזוי האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט, און איך גיב דיר איבער זײַנע דיבורים וואָרט בא וואָרט.

איך האָב אים געגעבן אַ רובל, האָט ער זיך אַפילע געקרימט, אַפּאָנעם, ווייניק, נאָר גענומען האָט ער; זאָלסטו מיר, כאַנעשי קרוין, דעם רובל, לעמאַן־האַשעם, באַלד אָפּשיקן, וואָרעם די פּאַרנאָסע איז זייער געשלאָגן און סמאָלע איז היינט גאָר קיין גאַנגבאַר אַרטיקל נישט...

אַצינד צוריק צו דער זאַך:

עס קומט אויס אַפּ מײַנע רייד! איך זאָג דאָס אַלעמאָל, אַז די טוירע־האַקדוישע[2] (זייערע זאַקאָנעס, לעהאַוודל, אוואַדע!)

1 געמיינט: ניין, ניט (העברעיש — לא). — 2 די הייליקע טוירע.

האָט אונדז איבערגעגעבן אין גאזלאָנישע הענט אַרײַן. א מאנצבל, א גוילעם, א לוי־יוצלעכ, מעג געטן דאָס ווײַב, ווען ער וויל; אליין, צו דורכ א שאַלַיעכ, און אזא איישעס־כאַיל[1], לע־מאַשל, ווי איכ בינ, קאָנ נישט פּאָטער ווערנ פונ א מאנ א באטלענ, בעשום אויפנ וועצאָר!

גייענ מיר ביידע אפ א ברים, שטאָפּט מענ אים מיט פיש און פלייש, פונ אלעמ גוטנ, און איכ — באקומ מילכיקע ציקאָריע!

זיצט ער אינ סוקע, מוז איכ אים אַרײַנשיקנ דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און פאר זיכ לאָזנ די ביינער!

דרײַ וואָכנ, נײַנ טעג און אלע טאנייסימ האָב איכ גלײַכ מיט אים; סימכאס־טוירע איז זײַנ!

ע ר גייט צומ ראָוו, א י מ גיט מענ מעד מיט עפּל! און וואָס וועט זײַנ דאָרטנ, מישטיינס־געזאָגט — דער גאנײדנ מײַ־נער? איכ וועל זײַנ דעמ מעשוגענעמס פוסבענקל! ער וועט זיכ דאַרט זיצנ אפ א פּאָטערשטול, און איכ וועל זײַנ זײַנ פוסבענקל!

דאָ אפ דער וועלט איז ער לעכאָל־האפּאָכעס א שוואכער באָסאָר־וועדאָמ, האָט ער פאר מ י ר מוירע; אָבער וואָס אינ גאַ־נײדנ וועט זײַנ, פרעג מיכ בעכײרעמ! און, זאָגנ זאָג איכ דיר אויס־דריקלעכ, זאָל ער מיר דאָרט א שטויס טאָנ מיטנ פוס, ווייסט דער אייבערשטער, וואָס דערפונ וועט ארויסקומענ!

און צוריק געשמועסט: וואָס טויג דיר א געט? גלייב מיר, אלע הינט האָבנ איינ פּאָנעמ! אלע — נישט ווערט א דרײַער! ווייסט דאָכ — מײַנ שוועסטער מיריאָמ האָט צענ גייענדיקע יאָר געליטנ פונ איר מאנ, איידער זי האָט פונ אים ארויסגעקריגנ א געט; דערפאר האָט זי אים אוועקגעגעבנ דאָס געלט, די מאל־בושימ, מיט איינ וואַרט — האקל־קאאשער־לאקל[2] נו, דאבט זיכ, מאזל און בראָכע!

[1] א בעריע א פרוי. — [2] געמיינט: אלצ מיטאנאנדער.

האָט זי ווייַטער כאסענע, טוישט זי שויפערס אפ קאנע-ביינדלעכ, א נייַער באטלענ צומ קאָרמענ! זי שרייַט ווייַטער א געט; ער הערט זי ווי דעמ ראָוו, און זי האָט שוינ נישט מיט וואָס צו באצאָלנ!

בעקיצער, שוועסטער כאנע, אונדזער מוטער כאווע האָט געזינדיקט, און מיר לייַדנ פאר אירע זינד! און אייביק וועלנ מיר אזוי לייַדנ! דענ — פאר א מאנ קאָנ מענ אפילע אינ קייווער נישט אנטרינענ. לאאוואָדימ וועלישפאָכויס[1] האָט מענ אונדז פארקויפט, אפילע אפ יענער וועלט אויכ! — אזוי איז געוועזנ פארצייַטנס, אזוי איז הייַנט; און לעאָסיד-לאָווויי[2] וועט אויכ אזוי זייַנ, מע מוז לייַדנ! וואָרעמ וואָס זאָל מענ טאָנ, אז עס איז דעמ ריבוינע-שעל-אוילעמס ראָצנ אזוי.

דעריבער, שוועסטער כאנע, האָב ביטאָכנ אפ גאָט, באָרוכ-הו, פארבלייַב געזונט און פארגעס דייַנ מאנ! אינ אמעריקע איז ער אוואדע ארויס לעטארבוס-ראָאָ[3], אזוי טוענ זיי שוינ שטענדיק, יִמאַכ-שמאַמ[4], אז זיי קומענ קיינ אמעריקע!

אינ דער האסכאָלע שרייַבנ זיי צוקער-זיסע בריוולעכ, שיקנ געלט; דערנאָכ ווערט עס וואָס אמאָל ווייניקער; שרייַבט מענ און מע שיקט שוינ געלט אמאָל אינ א יאָר, דערנאָכ — איינ מאָל אינ א יוֹוול... זיי ברויכנ דאָרט נישט זייערע ווייַבער! זיי האָבנ דאָרט, ראכמאָנע-ליצלאנ, אנדערע, בעסערע, פלינקערע ווייַבער.

איכ זאָל נישט זינדיקנ מיט די רייד, באַ אונדז אינ לובלינ איז אינ דער יִדישער גאס נישטאָ קיינ הויז אָנ אנ אגונע!

---

1 פאר קנעכט און דינסטנ. — 2 אינ דער צוקונפט; געמיינט: אז מאָשיעכ וועט קומענ. — 3 פארדאָרבנ געוואָרנ, אוועק אפ א שלעכטנ וועג. — 4 אויסגעמעקט זאָל זייער נאָמענ ווערנ (א קלאָלע).

שרײַב דרײַ פּײען, זאָג איך דיר, פאַרגעס! זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז דו ביסט אַן אַלמאָנע, כאָס־וועשאָלעם, אָדער אַ גרושע!

זע בעסער צו טאָן אין דײַנע ציבעלעס. זאָל דיר האַשעם־ייִסבאָרעך שיקן האַצלאָכע אין דײַן אײַסעק, זאָלסט מאַצלי׳עך זײַן, ווי דו ווילסט זיך נאָר קערן און ווענדן. ווי עס ווינטשט דיר דײַן קרויווע,

(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזן).

איך בעט דיך, לעמאַן־האַשעם, דו זאָלסט מיר וואָס צום גע־שווינדסטן אָפּשיקן דעם רובל, וואָרעם מײַן מאַן, דער זוילעל־וועסויווע, האָט שוין פאַריבל אַף מיר, צו וואָס איך האָב אויס־געלייגט דעם רובל.

(די זעלבע נישט־לעזבאַרע אונטערשריפט).

צווייטער בריוו

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחיה.

ערשטנס, מעלד איך דיר, טײַערע שוועסטער, אַז מיר זענען באָרעך־האַשעם, אַלע בעקאַוו־האַברי׳ע[1], כוץ אישתי כאַוועלע, טיכיע, וואָס דער הוסט, לוי־אַלייכעם, לאָזט זי נישט אָפּ אַ רעגע, און טייקעף, אים־ייִרצע־האַשעם, נאָך דער כאַסענע, וועט זי מוזן פאָרן קיין וואַרשע צו׳ן אַ דאָקטער.

רצוף בזה[2], שיק איך אײַן אַ כאַסענע־בריוול. זאָלסט זען, לעמאַן־האַשעם, צו קומען אַף דער כאַסענע און מעקאַבל־פּײַנעג[3] זײַן. נאָר, לעמאַן־האַשעם, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט מיר נישט

1 געזונט. — 2 ר אָ צ ו פ ב אָ ז ע — בײַגעלייגט דערצו. — 3 פאַרגעניגן האָבן.

שטערנ דעמ נאכעס פונ בתי, טיכיע, אונ באהאלטנ אלע טײַנעס־אוטוויִעס[1] אפ נאָכ דער כאסענע.

קײנ קאלע־מאטאָנע ביסטו נישט מעכויעו צו ברענגענ. אויב עס גײט דיר ווענג דער בושע, וועט זיכ נאָכ, אימ־ייִרצע־האשעמ, געפינענ עפעס אינ שטוב פאר דיר א מאטאָנע; איכ וועל דיר נישט קארגנ. בלוט איז קײנ וואסער נישט, אונ א שוועסטער בלײַבט שוועסטער.

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז דו האָסט קײנ מאלבושימ נישט, איז אויכ נאריש. קאָנסט דיר באָרגנ א מאלבעש, אָדער דאָרט, אָדער דאָ, אז דו וועסט קומענ.

אונ וואָס דו שרײַבסט, דו קאָנסט דיכ נישט טרײסטנ נאָכנ יעלעד[2], וואָס איז ניפטער געוואָרנ, — זײַ וויסנ, שוועסטער לעבנ, אז ה׳ נתן וה׳ לקח[3]. קינדער זײַנענ א פיקאָדנ[4] פונ גאָט, באָרוכ־הו, אונ אז ער וויל אָפנעמענ דאָס פיקאָדנ, טאָר מענ אפילע נישט מעהארער זײַנ[5], נישט איבערקלערנ, כאס־ווּעשאָלעמ!

אונ וואָס דו שרײַבסט, אז דו האָסט מוירע, דײַנ שמועל־מוישע זאָל נישט געוואָר ווערנ, אז דאָס קינד לעבט נישט אונ דורכ דעמ זאָל ער זיכ, כאס־וועשאָלעמ, פונ דיר אינגאנצנ נישט אָפרײַסנ, — איז אויכ אנ אומזיסטער כשאד... גלייב מיר, שוועסטער כאנע, אז עס איז גאָר נאריש. וואָרעמ — מימאָ־נעפשעכ: איז עמעס וואָס לײַטנ זאָגנ, אז שמועל־מוישע איז געוואָרנ אויס שמועל־מוישע, כאס־וועשאָלעמ, אז ער איז אוועק גאָר אינ אנ־דערע דראָכימ, — איז אלציינס, צי דאָס קינד לעבט צי נײנ; נישט ער דארפ דיכ, נישט דו קאָנסט דיכ האלטנ אָנ אימ!

---

1 אונ פרעטענזיעס. — 2 קינד. — 3 אדוינאָי נאָסאנ וואדוינאָי לאָקאכ — גאָט האָט געגעבנ אונ גאָט האָט צוגענומענ. — 4 אנ אײַנלאָגנ; דאָס, וואָס מע גיט איבער עמעצנ צומ באהאלטנ. — 5 נאָכטראכטנ.

אויב ווײַטער, ווי איך האָפּ צו זײַן ליבן נאָמען, דאָס אַ־צ איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, נאָר אַ בילבל פון בייזע מײַלער, און, ווי איך גלייב בעעמונע־שליימע[1], שמועל־מוישע איז טאַקע שמועל־מוישע, דער מופלעג, דער פרומער ייִד, האָסטו נישט וואָס מוירע צו האָבן! פאַרקערט, באַ האַלב הויצאָע וועט אים אַצינד לײַכטער זײַן דיך אַראָפּצונעמען אַהין, און איר וועט לעבן בעשאָלעם ווּעשאַלווע קענאָהוג בעיִסראָעל[2]...

און וואָס דו האָסט פון אים אַזוי לאַנג קיין ידיִעה נישט, — מאַ ראַש? עס איז דאָך, דאַכט זיך, מעייווער־לעיאַם[3]! וויפל שיפן גייען אונטער, ראַכמאָנע־ליצלאַן; וויפל בריוו־טרעגער קאָנען אומקומען אַף אַזאַ מעהאַלעך. און עפּשער מוזן נאָך די שיפן דורכגיין אַף דעם אָרט, ווו דער „ספר הברית"[4] שרײַבט, אַז דאָס וואַסער שטייט ווי אַ באַרג און עס איז טאַקע סאַקאָנעס־נעפאָשעס. דאַנק זײַן ליבן נאָמען, וואָס דײַן שמועל־מוישע איז בעשאָלעם אַריבער! דאָס פאָרן לימדינאַס־האַיאַם[5] האַלט איך טאַקע פאַר אַן אַוולע. עס איז אַ סימען פון ווייניק ביטאָכן, וואָרעם ווער עס האָט ביטאָכן, ווייסט, אַז ווו גאָט וויל, דאָ העלפט ער, און עס איז נישט קעדײַ אײַנצושטעלן דעם גוף מיט דער נעשאָמע! וואָרעם, לויט מענטשן דערציילן, איז אַמעריקע פאַר דער נעשאָמע אַ סאַך מעסוקענער, ווי דער יאַם צום גוף. דאָס ייִדישקײַט, זאָגט מען, גייט מען באַלד אָפּ אַף דער שיף, ווי דער יאַם גיט זיך נאָר אַ שאָקל! באַלד עסט מען פּאַס־אַקום, מע קליידט זיך דײַטש, ווײַבער טראָגן שייטלען! און יעש־אוימרים[6] —

---

1 מיט פולן גלויבן. — 2 אין פרידן און רו, ווי עס פּאַסט זיך באַ ייִדן. — 3 אף יענער זײַט יאַם. — 4 „סייפער־האַבריס" — אַן אַלטער זאַמלבוך וועגן נאַטורוויסנשאַפט, דערשינען אָנהייב XIX יאָרהונדערט. — 5 אין די לענדער, וואָס ליגן אף יענער זײַט יאַם. — 6 אנדערע זאָגן.

אפילע אייגענע האָר. און, א וועהאָריַע, — מע זאָגט, אז איג גאנצ אמעריקע איז קיינ איינציקער גוטער=ייִד נישטאָ. און איכ וויים טאקע נישט, וויִאזוי מע לעבט דאָכ, וויִאזוי מע גיט זיכ אנ אייצע בא פארנאָסע=זאכנ, אָדער אז מע ווערט, כאָס=וועשאָלעם, קראנק, צי וואָס א מענטש קאָנ זיכ טרעפנ! איכ זאָג דיר, אז ווער עס פאָרט אינ א טומע אריַינ, איז טאקע מיסכייַעו=בענאפשוי[1], גייט ער טאקע ווי א נאריש פייגעלע אליינ אינ דער נעצ אריַינ! און ביפראט א ייִד א לאמדנ. וואָרעמ, וואָס גרעסער דער מענטש איז, איז גרעסער די סאקאָנע, מער לאָקערט אפ אימ, ראכמאָנע=ליצלאנ, די קליפע[2] און וויל אימ גיווער זייַנ, צי מיט אשירעס, צי מיט נשים יפות[3]; די קליפע האָט שוינ אירע קיילימ צו דער ארבעט...

דעריבער איז מייַנ אייצע פאר דיר, אז קאָלזמאנ דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטנ טוט זיכ, פארגעס אָנ דער זאכ! האָסטו פארנאָסע פונ די ציבעלעס, איז מא=טוויוו[4]; כאָס=וועשאָלעמ — נישט, האָב איכ פאר דיר אנ אנדערע אייצע. אימ=ייִרצע=האשעמ, אז דו וועסט קומענ אפ דער כאסענע, וועל איכ שוינ זענ שאָלעט צו מאכנ צווישנ דיר און אישתי כאוועלע, טיכיע. פאָרט איינ פלייש און בלוט. און בעטעווע, זייַ וויסנ, איז זוגתי כאווע=גיטל וייער א גוטע; זי וועט דיר בעוואדע מויכל זייַנ, און, אז עס וועט זייַנ שאָלעמ=וועשאלווע, און זי וועט פאָרנ באלד אימ=ייִרצע=האשעמ, נאָכ דער כאסענע קיינ ווארשע, — וועסטו בלייַבנ באַלעבאָסטע. און אז זי וועט, אימ=ייִרצע=האשעמ, בעשאָלעמ און געזונט צוריקומענ, וועט זיכ אויכ נאָכ געפינענ פאר דיר אנ אָרט

---

1 ער נעמט אפ זיכ א שולד, פאר וועלכער מע דארפ צאָלנ מיטנ לעבנ. — 2 דער שעד, די בייזע גייַסטער. — 3 נאָשימ יאָפויס — שיינע פרויענ. — 4 אוואדע גוט.

באם טיש, ווי אויך אינ שטוב — א בעט צו שטעלן. עס זענען שלעכטע צײַטן, נאָר א שוועסטער איז א שוועסטער, שנײַדט מען דינערע שטיקלעך הערינג.

נאָר אָן דעם אלעם האָבן מיר דאָך א גרויסן גאָט, באָרוך־הו, ער זאָל נישט קאָנען שפּײַזן איין באָסאָר־וואָדאָם — א יִ[illegible]ע!

נארישקײַטן!

און אף דער כאסענע זאָלסטו, לעמאַנ־האשעם, קומען פרי, זאָלסט קאָנען כאווע־גיטלען א ביסל צוהעלפן. אף דעם איז מען אויך א שוועגערן! דו דארפסט זען, מע זאָל נישט מוזן, אינ הײַנ־טיקע שלעכטע צײַטן, צונעמען נאָך א סארווער צי א קעכן...

נאָר לעמאַנ־האשעם, פון דעם, וואָס איך שרײַב דיר דאָ, דעריקער וועגן איבערבלײַבן בא אונדז אף שפּעטער, זאָל בלײַבן בא דיר בעסאָד, כאווע־גיטל זאָל נישט וויסן, אז איך האָב אזוינס גע־שריבן. דאָס דארף זיך אליינ מאכן, פון זיך אליינ... דו ווייסט, אז כאווע־גיטל האָט פײַנט, מע זאָל איר אינ שטובזאכן אייצעס געבן... און באַטועך[1] בינ איך, אז עס וועט זיך מאכן. א יִדענע בלײַבט א יִדענע, כאָטש זי מיינט, אז זי גייט אינ ספּאָדעק! דעריבער טאקע שרײַב איך דעם בריוו, ווענ זוגאָסי כאווע־גיטל איז נישטאָ אינ דער היים; זי איז ארויסגעגאנגען אָפּשטעלן מיטן באדכן, מיט קלעזמער. איך וויל איר אפילע נישט זאָגן, אז איך האָב דיר געשיקט א כאסענע־בריוול; לאָז זי מיינען, אז דו ביסט אזוי גוט און פרום געווען, אז דו ביסט אליינ געקומען!

און האשעם־יִסבאָרעך זאָל טרייסטן דיך מיט אלע אוויליי־יִסראָעל[2], און לאָז אויסשפּרייטן די פליגל פון ראכמאָנעס אף אלע אגונעס, אָמיין! כן יהי רצון[3]!

1 זיכער. — 2 די טרויערנדיקע בא יִדן. — 3 ק ײ נ י ע ה י ר אָ צ ו י נ — אזוי זאָל זײַנ דער ווילן (גאָטס).

אחותי כאַנע! דו וועסט דיך מעיאשעוו זײַן, בלײַבן דאָרט אָדער קומען צו אונדז אַפ שטענדיק, — לעמאַנ-האשעם, אַפ דער כאַסענע זאָלסטו קומען! דורכוים קומען! און דו וועסט קיין כאַראַטע, כאַס-וועשאָלעם, נישט האָבן! עס וועט זײַן, אים-ירצעהאשעם, אַ שיינע כאַסענע. עס קאָן נאָך מעגלעך זײַן, אַז ער אַליינ[1], זאָל מײַריך-יאָמים-וועשאָנים זײַן[2], וועט קומען אַפ דער כאַסענע. עס וועט מיר קאָסטן אַ מאַטמוען[3], נאָר עס איז קעדײַ! פאַרשטייסטו, אַז אַפ אַזאַ כאַסענע איז קעדײַ צו קומען!

פון מיר, אחיך,

מ ע נ א כ ע מ-מ ע נ ד ל.

זוגתי כאַווע-גיטל איז בעזע-האָרעגע[4] געקומען פון מאַרק, און זע אַ סימען, אַז עס איז שוינ אַזוי מינ-האשאָמאַים באַשערט, — זי אַליינ האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיך פאַר איר מיטן בריוו נישט צו באַהאַלטן, אַז זי האָט אַפ דיר קיינ פאַריבל נישט. איר אייצע איז, זאָלסט פאַרקויפן די ציבעלעס, מאַכן זיך אַ מאַלבעש און קומען לײַטן גלײַך, ווי אַ טײַערע מעכוטענעסטע, אַפ דער כאַסענע.

קיינ מאַטאָנע, זאָגט זי אויך, דאַרף מען נישט. און האַנדלען מיט ציבעלעס קאָן מען, זאָגט זי, בא אונדז אויך.

איך זאָג דיר, אַז זוגאָסי כאַווע-גיטל איז אַ גוטע און אַ באַכאַמע. און אַז דו וועסט נאָר נישט זײַנ אײַנגעשפאַרט, וועט זיך אַלץ ענדיקן בעכי-טויוו[5]; וועסט, מיט גאָטס הילפ, זען!

אחיך הנ״ל.

1 געמיינט: דער כסידישער רעבע. — 2 זאָל לאַנג לעבן. — 3 אַן אוצער. — 4 אינ דער רעגע. — 5 צום גוטן.

מאזלטאָוו דיר, מײַן טײַערער, קאָשערער מאן, מאזלטאָוו דיר!

נא דיר, הער פון אונדז יעשועס־ווענעכאָמעס[1]! גאָט זאָל געבן, איך זאָל פון דיר אויך הערן אזוינע גוטע בסורעס, אזוינע יעשועס־ווענעכאָמעס; אָמיין, כן יהי רצון! מיר זײַנען דאָך, ווי דו האָסט געשריבן, א זיווּעג אף דער וועלט און אף יענער וועלט!

ערשטנס, קום איך דיר, מײַן טײַערער מאן, צו מעלדן, אז דער ברודער מײַנער מענאכעם־מענדל שעיִכיע ואישתו כאַוועגיטל, שעטיכיע, זאָלן ביידע דערלעבן מאָשיִעכס צײַטן, האָבן מיר אלצדינג מויכל געווען און האָבן מיך אראָפּגעבראַכט, אין א מאזלדיקע שאָ, צו זייער טאָכטער אף׳ דער כאסענע — אף סאָשע־ביילעס כאסענע.

א כאסענע איז געווען גאָר א שיינע, שענער קאָן שוין נישט זײַן! געלויבט איז האשעם־יִתבאָרעך, וואָס איך האָב זוכע געווען און דערלעבט צו זען אזא כאסענע! עס איז געווען מיקאָלהאמינים פליישן, אָפּ און רינד־פלייש; הײַנט — פישן, אזוינע פיש און געפילטע פיש, און נאָך אלערליי מײַכאָלים; אכוץ ווײַן, בראנפן, האקל־קאשער־לאקל...

און אלץ איז געווען אזוי געראָטן, אזוי פּײַן! און איך אליין האָב דאָס פלייש געקאָכט, די פיש געפילט, דעם צימעס געמאכט, צום טיש געגרייט, און פריִער נאָך אלץ אליין אײַנגעקויפט!

איך בין, באָרעכ־האשעם, די גאנצע באלעבאָסטע געוועזן! די סארוועדקע אויך; וואָרעם געקומען בין איך נישט צוליב דעם נאכעס אליין.

---

1 הילף און טרייסט.

איך האָב מײַן ביסל ציבעלעם פאַרקויפט, געמאַכט מיר א שטיקל מאַלבעש און געקומען, אפ מײַנע קרוווימס פאַרלאַנג, גאַנצע אַכט טאָג פאַר דער כאַסענע; וואָרעם עס האָט נישט געהאַט ווער צו טאָן, מאַכמעס די קאַלע אַליין איז פאַרטאָן געווען אין די מאַלבושים, זי האָט פאַרבראַנגט ביז צום כופע-טאָג באַם שנײַדער, באַם שוסטער, אפילע באַם גאָלדשמיד!..

און כאַווע-גיטל, נעבעך, די שוועגערן מײַנע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז באַ איר נישט ווי עס דאַרף צו זײַן!

בין איך טאַקע געווען די גאַנצע מעכוטענעסטע, פאַר דער כאַסענע, און נאָך דער כאַסענע, נאָר נישט אפ דער כאַסענע. בעשאַס-האַכאַסענע בין איך געווען זייער מיד און פאַרמאַטערט. איך בין מיר געזעסן אין א ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נאַכעס, וואָס איך האָב זוכע געווען כאַסענע צו מאַכן מײַן ברו-דערס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ לײַטיש׳ע כאַסענע.

און אפילע נאָך דער כאַסענע האָבן זיי מיך אויך, כאַס-וועי-שאָלעם, נישט באַלד אַרויסגעטריבן.

טייקעף נאָך דער כאַסענע איז די שוועגערן, זאָל געזונט אין שטאַרק זײַן, געפאָרן קיין לובלין צו א דאָקטער זיך אָנ אייצע האַלטן, צו וועלכן דאָקטער זי זאָל פאָרן קיין וואַרשע.

דערנאָך איז זי געפאָרן קיין וואַרשע, און איז אויסגעווען באַ אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָרן ערגעץ אַנדערש, וואַסער טרינקען, — מינעראַל-וואַסער הייסט עס, — און איבער דער גאַנצער צײַט, לעערעך זעקס כאַדאָשים, בין איך געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. האַשעם-יִתבאָרעך זאָל עס זיי געדענקען און זאָל זיי דערפאַר באַלוינען!

קיין קעכן איז נישט געווען, האָב איך געקאָכט... און דערפון האָב איך פיל נאַכעס געשעפט, ווי פון א ברונעם!

ערשטנס, האָב איך קיין צײַט נישט געהאַט צו קלערן און צו טראַכטן, און בין, כאַס־ווּעשאָלעם, נישט מעשוגע געוואָרן, אַפּילע נישט אַרײַנגעפאַלן אין אַ מאָרע־שכוירע! און קיין צײַט האָט נישט געקאָנט זײַן, וואָרעם די שעפע איז בײַ מײַן ברודער, באָרעכ־האַשעם, גרויס.

די שענק איז, באָרעכ־האַשעם, פול; מע לייזט שטיקער גאָלד, הענ פון ייִדן און הענ פון גויִים, לעהאַוודל!

און מײַנע שוועגערנס, כאַווע־גיטל, טיכיעס, געפּילטע פיש האָבן, באָרעכ־האַשעם, אַ נאָמען אַף דער וועלט, און אַן אוילעם זיצט, באָרעכ־האַשעם, עסט און טרינקט.

האָט זיך אַמאָל פּאַסירט, אַז איך האָב פאַרט אָנגעהויבן עפּעס איבערצוקלערן, און האָב מיך געוואָלט פאַרטראַכטן; איז אַף דעם געוועזן אונדזער ביילע־סאָשע, זאָל לעבן, זי האָט מיך באַלד דערמאָנט! און אַן אויג האָט זי, קיין אײַנהאָרע, אַ גוטס, באַלד דערזעט זי!

און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען בעדערעכ־האַיאָשער[1]...

פאַר גרויס נאַכעס, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָב איך אײנמאָל אַרויסגעוואָרפן אַ טראָפּן בלוט פון האַלדז, איין טראָפּן, נישט מער.

דאָס האָט ווײַטער דערזען טענאַכעס־מענדל, זאָל געזונט זײַן, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זאָיִר־ווּעהיזאָהייר, איך זאָל מיך נישט מאַכן ווײסנדיק! וואָרעם, ווערט מען, כאַס־ווּעשאָלעם, געוואָר, וועט מען, כאָלילע, ווײַכן זײַן שטוב. יאָסל גאַסטהײַזער פון קעגניבער וועט באַלד זאָגן שווינדזוכט און פאָטער! אונדזער זײַט גאַס וועט מיט גראָז פאַרוואַקסן ווערן!

ביילע־סאָשע אָבער איז קליגער פאַר אים. זי האָט באַלד

---

1 מיטן גלײַכן וועג.

פארשטאנענ, אז עס איז נישט קיינ שווינדזוכט, נאָר אז איכ האָב געמוזט כאַפּנ א שטיקל פיש אונ איינשלינגענ אונ צעראַצט זיכ דעמ האלדז מיט א ביינדל. אונ קעדיי איכ זאָל, כאס-וועשאָלעמ, נישט דערשטיקט ווערנ, האָט זי מיר דערלאנגט אינ די פּלייצעס: דאָס ביינדל זאָל אריינ אָדער ארויס אונ נישט בלייבנ, כאס-וועשאָלעמ, שטעקנ אינ האלדז. פאר גרויס ליבשאפט, האָט זי מיר א צו שטארקנ קלאפּ געטאָנ; דאָס ביינדל פונ פיש איז אוואדע אראָפּ, נאָר דערביי האָבנ מ יי נ ע ביינער א ביסל געליטנ...

דאָס אלצ איז איבערגעגאנגענ בעשאָלעמ, אונ כאווע-גיטל, זאָל געזונט זיינ, איז צוריק געקומענ פונ וואסער טרינקענ.

געקומענ איז זי, געלויבט האשעמ-יִתבאָרעכ, פריש אונ געזונט, א מעכייע געווענ צו קוקנ! געלויכטנ ווי די זונ! הייַנט האָט זי אָנגעברענגט מאטאָנעס, — גאָר פיינע זאכנ; פאר זיכ, פארנ מאנ, פאר דער טאָכטער מיטנ איידעמ... טייערע מאטאָנעס. נאָר מיר האָט זי קיינ מאטאָנע נישט געברענגט; איכ בינ, זאָגט זי, כאס-וועשאָלעמ, קיינ דינסט נישט, מע זאָל מיר שענקענ מאטאָנעס, מע צאָלט מיר דענ סכירעס? איכ בינ דאָכ געווענ באלעבאָסטע!

כאווע-גיטל אליינ האָט קאמע-פעאָמימ[1] געזאָגט, אז איכ בינ געווענ די גאנצע באלעבאָסטע, אונ האָב געטאָנ, וואָס מיינ הארצ האָט געגלוסט!

אונ קוימ איז כאווע-גיטל געקומענ, איז זי געוואָר געוואָרנ, אז מענאכעמ-מענדל איז איבער דער גאנצער צייט נישט געווענ באמ רעבנ, האָט זי פארבראָכנ די הענט, אז די ביינער פונ די פינגער האָבנ געקנאקט, אונ האָט מיכ באלד ארויסגעשיקט אינ מארק ארייַנ דינגענ א פור.

---

1 וויפל מאָל.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מענאכעם-מענדל, זאָל געזונט זײַן, אװעקגעפאָרן אין א מאזלדיקער שאָ צום צאדיק.

און אפ מאָרגן האָט מיר כאװע-גיטל אן אײצע געגעבן, איך זאָל צוזאמענעמען מײַנע זאכן און גײן צו אלדי גוטע יאָר... װאָרעם, װײבאלד זי אלײן איז דאָ, און בײלע-סאָשע העלפט איר צו, בין איך דאָס פינפטע ראָד באם װאָגן און װעל נאָך, כאָלילע, מעשוגע װערן פון לײדיק גײן. זי האָט מיר געראָטן, ענטװעדער איך זאָל פאָרן צוריק, פונװאנען איך בין געקומען, אָדער דאָ בלײַבן און טאָן, װאָס מײַן הארץ װעט גלוסטן. זי זאָגט מיר, כאָלילע, קײן דײע נישט.

נאָך די זעלבע נאכט האָב איך שױן אין איר שטוב נישט גענעכטיקט.

א שײנע נאכט איז געװען, האָב איך זיך דורכשפאצירט אין אלע גאסן מיטן פעקל אונטערן אָרעם.

זעסטו דאָך, מײַן טײַערער, קאָשערער מאן, אז מיר איז, באָרעך-האשעם, גאנץ גוט, אז דו דארפסט מיר מער קײן געלט נישט שיקן, װי דו פלעגסט אמאָל שיקן. גיב בעסער דאָס געלט לײב כאזן, ער זאָל דיר קױפן ש"ס, אָדער גנענדל-סאָפיען, זי זאָל דיר לאָזן מאכן העמדער, און זע, לעמאן-האשעם, זי זאָל דיר אלײן די העמדער אָנמעסטן, און זען, װי זײ ליגן, די העמ-דער, — עס איז דאָך אמעריקע!

זעסטו, מײַן ליבער, טײַערער מאן, אז איך בין שױן מער קײנעם נישט כױשעד אומזיסט. איך זאָג שױן נישט, אז גנענדל, לײב כאזנס טאָכטער, האָט בא מיר צוגעגאנװעט א לעפל, אָדער דעם מאן, כאס-װעשאָלעם! און אױב איך האָב נישט — נישט דעם לעפל, נישט קײן מאן, װײס איך, אז זי איז בעװאדע גאָר-נישט שולדיק. איך גלײב בעעמונע-שלײמע, אז האשעם-יִתְבּ-

... און
כאווע־
גיטל,
זאָל
געזונט
זײַן,
איז צוריק
געקומען פון
וואסער־טרינקען.
געקומען איז זי, געלויבט
האשעם־ייסבאָרעכ, פריש און געזונט. א
מעכײַע געווען צו קוקן! געלויכטן ווי די זון...

באָרעכ האָט דיכ און מיכ געוואָלט מעזאקע זיין[1], האָט ער דיר צוגעשיקט אפ דער שיפ לייב כאזנ מיט דער טאָכטער, זיי זאָלנ דיכ פארזאָרגנ; קאהאוואָיאָ[2] — אלצ ווי דו האָסט מיר געשריבנ. נאָר איינ זאכ וועט נישט זיינ, ווי דו האָסט געזאָגט! זאָלסט אפילע אוים דער הויט שפּרינגענ, וועסטו נישט שיקנ קיינ שאַ־ליעכ־מעיוכעד נאָכנ קינד, זאָלסט עס צונעמענ פונ מיר צו דיר קיינ אמעריקע. וואָרעמ דאָס קינד אונדזערס איז, אינ דיינ זכוס און זכוס פונ דיינע אָוועס — לאנג שוינ נישטאָ; מע האָט עס באהאלטנ ערגעצ אפנ בעסוילעמ, אינ א קליינ שטיבעלע אָנ א טירל, אָנ א פענצטערל, — שרייַ כיי־וועקייעמ, וועסטו נישט וויסנ, ווו זיינע ביינדעלעכ ליגנ! קיינ שום מאצייווע, קיינ שום סימענ, גאָרנישט! זוכ דעמ ווינט אפנ פעלד!

די אסקאָרע[3] האָט עס צוגענומענ אונטער אירע פליגל...

און ווייל דו ביסט דער גרויסער באל־זיקאָרנ און געדענקסט אלצ, וואָס איכ האָב גערעדט, און אלצ, וואָס איכ האָב געטאָנ, וועל איכ דיר דערציילנ א מייסע, עפּשער וועסטו זי אויכ גע־דענקענ! עס איז א מייסע מיט א שאל, וואָס איכ האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט אימ צו טאָנ: צי זאָל איכ אימ כאפּנ אפ מיר און ארויסלויפנ זוכנ א דאָקטער צומ קינד, אָדער איכ זאָל פאר־שטאָפּנ מיט דעמ שאל די צעבראָכענע שויב, דער שניי זאָל נישט אריינ צומ קראנקנ קינד אינ שטוב אריינ, אָדער איכ זאָל צודעקנ מיט דעמ שאל דאָס הייזעריקע קינד, וואָס עס שטיקט זיכ, נעבעכ, — און די קעלט איז גאָר גרויס, גאָר גרויס! א סאכ מאָל בינ איכ אהינ און צוריק געלאָפנ: פונ קינד צומ פענצטער, צו דער טיר, און צוריק פונ טיר צומ פענצטער, צו דער וויג...

---

1 געמיינט: באגליקנ, באשענקענ. — 2 ווי דאָס איז געווענ. — 3 דיפטעריט (אמכרה).

און
נעכטן
באנאכט,
אז איך
האָב גע-
נעכטיקט
אונטערן
בלויען הימל
איז נאָך צו מיר
געקומען די מאלקע
שוואָ און האָט מיך
אויסגעלערנט
טאנצן — און
א גאנצע
נאכט האָב איך
ארומגעטאנצט מיט
דער מאלקע
שוואָ קעגן
דער לעוואָנע...

אבי געלאָפּן! דו וועסט שוין, מײַן געטרײַער מאַן, מײַן איך, די מינוט נישט פֿאַרגעסן. וואָרעם, ווי דו, מײַן טײַערער מאַן, זאָגסט, בין איך צוגעבונדן צו דיר, דו צו מיר, און ביידע — צום קינד, און אצינד, אַז דאָס קינד איז נישטאָ, קאָנען מיר ביידע שוין אויך נעלעמ ווערן, — נאָר, וואָס וועט גנענדל זאָגן? דעמ עמעס זאָגנדיק, איז בא מיר געבליבן, איך זאָל זיך לאָזן וואקסן לאַנגע האָר און אָנטאָן זיך, ווי מע טראָגט זיך אין אמעריקע. אויך ווייסטו דאָך, אַז איך האָב אַ זים קאָל, אַז איך פֿלעג נאָכזינגען אלע טפּילעס, און אצינד, אַז איך בין געוועזן באַם ברודער מענאַכעמ-מענדל, זאָל געזונט זײַן, אין גאַסט-הויז, האָב איך נאָך געהערט פֿון שיקערע פֿויערים אלערליי שיינע לידער, — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אוואדע אזוי גוט, ווי גנענדל, און עפּשער בעסער פֿאַר איר, און קאָן מער לידלעך פֿאַר איר. און נעכטן באַנאַכט, אַז איך האָב געגעכטיקט אונטערן בלויזן הימל, איז נאָך צו מיר געקומען די מאַלקע שוואָ[1] און האָט מיך אויסגעלערנט טאַנצן — און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ארומגעטאַנצט מיט דער מאַלקע שוואָ קעגן דער לעוואָנע.

און דו, מײַן ליבער שמועל-מוישע, האָסט גאָר אַ מעקעכטאָעס[2] געהאַט! וואָרעמ איך בין בעסער פֿאַר גנענדלען. וואָרעמ איך געדענק גאַנץ גוט, אַז זי האָט געהאַט צוויי פּעפּערלעך, איינעמ אפן לינקן אויער און אַ צווייטן אפֿ דער רעכטער באַק, און — אַ נעזל אַ ביסל אַ פֿאַרדרייטס. און איך, ווייסטו דאָך,

---

1 די קיניגן פֿון לאַנד שוואָ, וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אין דער ביבל. שפּעטערדיקע לעגענדעס שטעלן זי פֿאָר ווי אַ וווּנדער־שיינע פֿרוי, וועלכע איז פֿאַרבונדן מיטן טײַוול און פֿילט אויס זײַנע שליכעסן צו פֿאַרפֿירן פֿרומע מענטשן, ארויסרופנדיק בא זיי טײַווע. — 2 אַ טאָעס אינעמ האַנדל.

האָב א רײנ ליִב, אָנ א שומ פּעפּערל, כאס-וועשאָלעמ. — דו האָסט געמײנט, אז נאָר גנענדל קאָנ זינגענ, אונ יעדנ פרײַטיק-צונאכטס טאנצנ, אז זי אלײנ קאָנ זיכ לאָזנ וואקסנ צעפּ, אנדערע קאָנענ גאָרנישט די טוירע! נאָר איכ בינ, כאס-וועשאָלעמ, אפ דיר נישט אינ קאס; האלט דיכ אָנ איר! מיר איז גענוג, אז איכ האָב דעמ קינדס קיווערל, איכ גײ אהינ, איכ וועל מיר דאָרט אויסבויענ א קלײנ שטיבעלע אונ זיצנ דאָרט ביז האלבער נאכט, ביז דער האָנ וועט קרײענ. דעמ קינד וועל איכ דערצײלנ זיס אונ שטיל פונ זײַנ טאטנ שמועל-מוישענ, וועט ער שטארק האנאָע האָבנ! אונ, אז דו וועסט אלײנ קומענ, אָדער שיקנ א שאָליעכ-מעיוכעד נאָכנ קינד, וועל איכ אײַכ מיט די נעגל די אויגנ אויםקראצנ, ווארעמ דאָס קינד איז מײַנס, נישט גנענדלס — יִמאכ-שמאָ-וועזיכראָ זאָל זי ווערנ מיט דיר אינײנעמ — — — —

(דער בריוו איז קעטיק נישט קײנ געענדיקטער; מע האָט אימ געפונענ צוזאמענ מיט די אנדערע בריוו אינ קעשענע בא דער מעשוגענער כאנע).

אינהאלט

זײַט

װעבער־ליבע 3
האָישע מאָראס כאַנע 39

Обложка и иллюстрации художника *Горшмана М. Е.*

Редактор *А. Фрумкин.* Техредактор *А. Кантор.*

Подписано к печати 18/VII-1947 г. А—00177. Печ. л. $3^1/_4$. Уч.- изд. л. 3,69. Тип. зн. в листе 45.000. Формат $70x104^1/_{32}$. Тираж 15.000. Зак. 12.

Тип. Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., 1.